STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05175

DER SHLOS PIKTORDY

George Sand

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אוניווערסאל ביבליאטעק

זשאָרזש סאַנד.

דער שלאָס פּיקטאָרדי

ראָמאַן

אידיש פון א. נירענבערג.

1-2-3

ארויסגעגעבען פון
פארלאַג „די היים“
ניו יארק.

Copyrighted, 1919
By
Farlag "HEIM," Inc.

I.

די רעדענדיגע סטאַטוע.

דאָס האָט פּאַסירט אין א פּאַרוואָרפענעם ווינקעל פון א ווילדער געגענד, וואָס האָט זיך אין יענע לאַנג-שוין-פאַרגאַנגענע צייטען גערופען מיט'ן נאָמען זשעוואַדאַן. איינזאָם איז געשטאַנען דער פאַרלאָזענער שלאָס פּיקטאָרדיו צווישען וועלדער און בערג. דער שלאָס איז געווען אזוי אומעטיג, אזוי טרויעריג: עס האָט זיך געדאַכט, אז ער איז פאַרבענקט, ווי א מענש, וואָס איז געווען צוגעוועהנט צו לעבען אין א גרויסער און פרעהליכער געזעלשאַפט און וואָס ליגט איצט אויפ'ן טויטען-בעט אַרעם און פאַרלאָזען פון אַלעמען. דער מאַלער פלאַשאַרדע, וואָס איז געווען באַריהמט אין זיין-פראַנקרייך, איז געפאָהרען אין א פּאָסט-וואָגען איבערן וועג, וואָס האָט זיך געצויגען אַרום א קליין טייכעל. מיט איהם איז געפאָהרען זיין איינציגע אַכט-יעהריגע טאָכטער דיאַנאַ, וואָס איז ביז איצט געווען אין קלויסטער וויזיטאַנדין דע מאַנד: ער האָט זי אַהיימגעפיהרט דערפאַר, וואָס זי האָט אין די לעצטע דריי מאָנאַטען געליטען פון פיבער און דער דאָקטאָר האָט געהייסען זי נעמען אין א דאָרף אריין. פלאַשאַרדע האָט איהר דאָס איצט געפיהרט אין זיין שעהנע ווילע אין דער געגענד פון אַרל.

ארויספאָהרענדיג פון מאַנד, האָבען זיי אָנגעלייגט א שטיק וועג אום צו זעהן זיך מיט זייער'ס א קרובה און דערפאַר איז זיי היינט אויסגעקומען צו נעכטיגען אין דעם שטעדטעל סען-

זשאן־גארדאנאנק, וועלכער רופט זיך איצט סען־זשאן־דיו־גאר.

דאס איז געווען נאך לאנג איידער עס האבן זיך באוויזן אייזענבאהנען. לאנגזאמער איז דאמאלסט אלץ צוגע־גאנגען. ערשט אויפ'ן צווייטען טאג האבן זיי געקענט אהיימ־קומען. אזוי ווי דער וועג איז גראד געווען זעהר שלעכט, האבען זיי זיך געשלעפט נאך לאנגזאמער, ווי געווענליך. פלא־שארדע איז ארוים פון וואגען און געשפאנט נעבען דעם קוטשער.

— וואס איז דאס אזוינס? — האט ער געפרעגט — רו־אינען אדער ווייסע פעלזען.

— ניין, מיין הער, — האט דער קוטשער געענטפערט. דערקענט איהר ניט דעם שלאס פיקטארדיו?

— איך האב איהם ניט געקענט דערקענען שוין פשוט דערפאר, וואס איך זעה איהם צום ערשטען מאל. איך בין קיינמאל ניט געפאהרען מיט דעם וועג און וועל קיינמאל שוין מעהר ניט פאהרען: דער וועג איז שרעקליך און מיר ריהרען זיך אפילו אויף קיין טראט ניט.

— געדולד, מיין הער. אט דער אלטער וועג איז פיל בעסער, ווי א נייער. ווען איהר זאלט פאהרען מיט א נייעם וועג, וואלט אייך אויסגעקומען צו פאהרען זיבען מייל ביז איהר וואלט געהאט וואו צו נעכטיגען, און מיט דעם וועג האט איהר בלויז צוויי מייל.

— איך זעה ניט איין מיט וואס דער וועג איז בעסער. אויב אונז וועט אויסקומען אט די קליינע שטרעקע צו פאהרען פינף שעה.

— איהר וויצעלט זיך, הער. אין א צוויי שעה ארום וועלען מיר זיין אין סען־זשאן גארדאנאנק.

פלאשארדע האט אפגעזיפצט, דערמאנענדיג זיך אז זיין קליינער טאכטער. זי האט געהאט אנפאלען פון פיבער אלע צווייטע טאג, און היינט האט ער ערווארטעט אן אנפאל. ער

האט געהאפט צו קומען אין גאסט־הויז אריין פריהער פאר'ן אנפאל און אוועקלייגען דאס קינד אין בעט אריין, כדי זי זאל זיך קענען אפרוהען און דערוואַרעמען זיך. די לופט דא איז געווען פייכט און די זון האט זיך שוין געהאט געזעצט. ער האט מורא געהאט, אז זי זאל ניט ערענסט קראנק ווערען, ווען זי זאל קריגען אין מיטען וועג אז אנפאל.

— הייסט דאס, אז דאס איז א פארלאזענער וועג? — האט ער געפרעגט.

—יא, מיין הער. דער וועג איז געלייגט געווארען אום צוצוקומען צום שלאס, און אזוי ווי דער שלאס איז אויך א פארלאזענער...

— מיר דאכט זיך, אז ער איז גרויס און רייך. פארוואס וואוינט מען אין איהם שוין ניט מעהר?

— דערפאר, ווייל דער, צו וועמען ער באלאנגט, האט ניט קיין מיטלען צו רעמאנטירען איהם: ער האט איהם געקראגען בירושה, ווען דער שלאס האט געהאלטען אין צופאלען ווערען. אמאל האט דער שלאס באלאנגט צו א רייכען מאגנאט, וואס האט אין איהם געגעבען גרויסע ספעקטאקלען, בעלער, פאר־אנשטאלט אלערליי שפילען. ער איז דערפון רואינירט געווא־רען, זיינע יורשים האבען מעהר ניט געקענט צוריקקומען צו זייער פריהערדיגען שטאנד, און דאס זעלבע דער שלאס. כאטש דער שלאס האט דערהאלטען זיין שטאלצען אויסערליכען אויס־זעהן, דאך קען ער יעדען טאג אראפקייקלען זיך פון זיין גרויס־קייט אין טייך אריין, פונקט אויף דעם וועג, וואו מיר פאהרען איצט.

— ער מעג פאלען וויפיל מאל עס גלוסט זיך איהם נאר אליין! זאל ער נאר לאזען אונז היינט אבענט דורכפאהרען. אבער פארוואס האט ער עפעס אזא זאנדערבארען נאמען — פיקטארדיו?

— צוליעב דעם אויסגעבויגענעם פעלז, וואס הענגט הינ־טער'ן שלאס. מען זאגט, אז דער פעלז איז איינגעבויגען דערפון, וואס די גאנצע געגענד איז אמאל געווען פול מיט פייער. די געגענד ווערט אנגערופען דאס לאנד פון וואולקאנען און איך בין גרייט זיך צו וועטען מיט אייך, אז איהר האט נאך עפעס אזוינס קיינמאל ניט געזעהן.

— פארקערט, איך האב פילעס געזעהן, אבער עס אינטע־רעסירט מיר איצט ניט. איך בעט דיך, מיין פריינד, ווידער ארויפצוגעהן אויף'ן וואגען און פאהרען וואס שנעלער.

— אנטשולדיגט, מיין הער, אבער איך קען עס ניט טאן גלייך. איך דארף נאך דורכפאהרען א פלאץ, וואו עס פלעגט זיך אנקלייבען דאס וואסער פון די אלע וואסער־פאלען פון דעם פארק. דארט איז שוין מעהר קיין וואסער ניטא, עס איז פול מיט קויט און שליים און איך דארף זעהר פארזיכטיג דורכ־פיהרען די פערד. שרעקט זיך ניט פאר דער פרייליין, עס שטעהט אונז ניט פאר קיין שום געפאהר.

— מעגליך, — האט געענטפערט פלאשארדע, — אבער איך וועל זי בעסער טראגען אויף די הענט. זאגט מיר אן, ווען מיר קומען אהינצו.

— מיר זענען שוין אנגעקומען, הער; טוט ווי איהר פאר־שטעהט.

דער מאלער האט אפגעשטעלט דעם וואגען, ארויסגענומען די קליינע דיאנא, וועלכע האט איינגעדרימעלט און גענומען פיהלען, ווי דער אנפאל רוקט זיך אן.

— געהט ארויף מיט די טרעפען — האט געזאגט דער פוהרמאן. — איהר וועט דורכגעהן דורך דער טעראסע און ארויסקומען אויף'ן וועג איז דער זעלבער צייט, ווען איך וועל דארט אנקומען.

פלאשארדע איז ארויף אויף די טרעפּן, טראגענדיג זיין קליינע טאכטער. די דאזיגע טרעפּן, ניט קוקענדיג, וואס זיי האבן געהאט דאס אויסזעהן פון א חורבה, האבן אויסגעקוקט פּריציש; די שטאכעטעס האבן נאך דערהאלטען זייער אמאליגע פּראכט און שעהנע סטאטועס זענען געווען אויסגעשטעלט ארום די טרעפּן. אין די שפּאלטען פון דער טעראסע זענען ארויסגעוואקסען פארשידענע ווילדע פלאנצען. וואס האבען אויסגעמישט און פארפּלאנטערט זיך מיט די טייערע בושעס. וואס זענען אמאל פארזעצט געווארען אין בעעטען. פארשידענע געוויקסען, קאלירען, בלומען האבען זיך צוזאמענגעפלאכטען און צוזאמענגעגאסען זיך. די דאזיגע טעראסע איז אודאי קיינמאל ניט אזוי שעהן געווען ווי איצט, ווען זי איז געווען אין גאנצען באוואקסען מיט ווילדע געוויקסען. אבער פלאשארדע איז געווען א סאלאן־קינסטלער און ער האט ניט זעהר ליעב געהאט די נאטור. דערצו האבען אט די אלע הערליכע ווילדע געוויקסען, געשטערט איהם צו באוועגען זיך. ער האט מורא געהאט, אז זיי זאלען ניט צושטעכען דאס שעהנע פּנים׳ל פון זיין טעכטערעל, דאריבער איז ער געגאנגען זעהר פארזיכטיג און אויף וויפיל ער האט געקאנט, האט ער זי באשיצט. פּלוצים האט ער דערהערט פון הינטען דאס קלאפּען פון פעררישע פיס אויף שטיינער און דאס קול פון דעם קוטשער וואס האט, זיפצענדיג און שילטענדיג, אויף עפּעס זיך באקלאגט, פּונקט ווי עם וואלט מיט איהם עפּעס פּאסירט.

וואס טוט מען? ווי לויפט מען איהם צו הילף מיט א קראנק קינד אויף די הענט? מיט איהר מילדקייט און קלוגהייט האט די קליינע דיאנא איהם ארויסגענומען פון דער שלעכטער לאגע אין וועלכער ער האט זיך געפונען. די געוואלדען פון דעם קוטשער האבען זי פאלשטענדיג אויפגעוועקט און זי האט פארשטאנען, אז מען מוז איילען איהם צו הילף.

—געה גיכער, פּאַפּאַ! — האָט זי געזאָגט — מיר איז דאָ זעהר גוט. דער דאָזיגער גאַרטען איז זעהר שעהן און ער געפעלט מיר זעהר. לאָז מיר נאָר איבער דיין מאַנטעל וועל איך וואַרטען אויף דיר, ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט. דו וועסט מיך טרעפען אָט דאָ ביי דער גרויסע וואַזע. מעגסט זיין רוהיג.

— פּלאַשאַרדע האָט זי איינגעוויקעלט אין זיין מאַנטעל און געלאָפען זעהן, וואָס ס'איז געשעהן מיט'ן פורמאַן. ער איז געווען אומבאַשעדיגט, אבער צוויי רעדער פון וואָגען האָבען זיך צובראָכען און איין פערד איז אומגעפאַלען און זיך פאַרוואונ־דעט א פוס. דער פוהרמאַן איז געווען פאַרצווייפעלט און זיין לאַגע איז געווען צו באַדויערען, אבער פּלאַשאַרדע, האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון נוצלאָזען כעס. וואָס זאָל ער טאָן איצט, ווען די נאַכט האַלט אין אָנקומען, מיט א מיידעל, וואָס איז צו שוואַך, אַז מען זאָל זי קענען טראָגען אויף די הענט צוויי מייל, ד.ה. גאַנצע דריי שעה? אָבער קיין אנדער אויסוועג איז ניט געבליבען. ער האָט דעם פוהרמאַן איבערגעלאָזען מיט זיינע צרות און איז אוועק צו דיאַנאַ'ן.

אָבער אנשטאָט זי צו טרעפען שלאָפענדיגערהייט צו פּור־סענס פון דער גרויסע וואַזע, האָט ער דערזעהן, אַז זי האָט זיך אין גאַנצען אויפגעכאַפּט און א פרעהליכע געהט זי איהם אנט־קעגען.

— פּאַפּאַ, — האָט זי געזאָגט, — איך האָב אַלץ געהערט שטעהענדיג אויף דער טעראַסע. מיט'ן קוטשער האָט גאָרנישט ניט פּאַסירט, אבער די פערד זענען פאַרוואונדעט און די קאָ־רעטע איז צובראָכען. מיר קענען שוין היינט ווייטער ניט פאָה־רען. אין דער צייט, ווען איך האָב געטראַכט וועגען דעם, ווי דו באַאומרוהיגסט זיך, האָט א דאַמע מיך אָנגערופען ביים נאָ־מען. איך האָב אויפגעהויבען דעם קאָפּ און דערזעהן, ווי זי האָט אויפגעהויבען די האַנט אין דער ריכטונג פון שלאָס און

מיר איינגעלאַדען. קום, איך בין זיכער אַז זי וועט זיין צופרידען און אונז וועט זיין גוט ביי איהר.

— וועגען וואָסער דאַמע רעדסטו, מיין קינד? דער שלאָס איז לעער און קיינער וואוינט ניט אין איהם.

— דו זעהסט ניט די דאַמע? דאָס איז דערפאַר, וואָס עס איז שוין נאַכט: אָבער איך זעה זי נאָך קלאָר. גיב אַ קוק! די גאַנצע צייט האַלט זי אין איין ווייזען אונז אויף דער טיר. דורך וועלכער מיר דאַרפען צו איהר אַריינגעהן.

פלאַשאַרדע האָט אַ קוק געטאָן אויף דאָס, אויף וואָס עס האָט איהם אָנגעוויזען זיין טאָכטער. דאָס איז געווען אַ סטאַטוע איז דער נאַטירליכער גרויס, וואָס האָט פאַרגעשטעלט עפּעס אַ אַלעגאָרישע פיגור, אפשר — ג א ס ט פ ר י י נ ל י כ ק י י ט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז מיט אַ פּראַכטפולער און גראַציעזער באַוועגונג פון דער האַנט ווייזט זי אַז אויף דער טיר פון שלאָס.

— דאָס, וואָס דו נעמסט אַן פאַר אַ דאַמע, איז אַ סטאַ־טוע, — האָט ער געזאָגט צו זיין טאָכטער, — און דיר האָט זיך בלויז אויסגעדאַכט, אַז זי האָט גערעדט צו דיר.

— ניין, פּאַפּאַ, עס האָט זיך מיר ניט אויסגעדאַכט. מען דאַרף טאָן, וואָס זי הייסט.

ער האָט ניט געוואָלט זיך געגענשטעלען זיין קראַנק קינד ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער רייכער פאַסאַדע פון שלאָס, וואָס איז געווען פול מיט געוויקסען, וואָס האָבען זיך געקלאַ־מערט אַן די באַלקאָנען, אַן די סקולפּטורישע באַפּוצונגען: דער שלאָס האָט אויסגעזעהן פּראַכטפול און נאָך שטאַרק גענוג.

— סוף־כל־סוף, — האָט געזאָגט דער מאַלער, — בין וואָנען איך וועל באַשליסען, וואָס ווייטער צו טאָן, קען איך דאָך געפינען עפּעס אַ ווינקעל אין דעם שלאָס, וואו די קליינע וועט זיך קענען אָפּרוהען.

געשלעפּט ביי דער האַנט פון זיין טאָכטער איז ער אַריינ־

געגאנגען איז א פראכטפולער גאלערע. געהענדיג ווייטער, זענען זיי אריינגעגאנגען אין א גרויס צימער, וואס איז, אין אמת'ן, געווען א פלאץ וואו עס האט געוואקסען ווילדער מינץ און איז געווען ארומגערינגעלט מיט קאלאנען, פון וועלכע איי־ניגע פון זיי זענען געלעגען אויף דער ערד. אנדערע האבען אונטערגעהאלטען דאס איבערבלייבעכץ פון א דורכזיכטיגען קופאל. די דאזיגע חורבה האט ניט געמאכט קיין באזונדערס גוטען איינדרוק אויף פלאשארדע און ער האט זיך געקליבען צוריקצוגעהן, אין דער צייט האט דער קוטשער איהם אנגעיאגט.

— קומט מיט מיר, מיין הער, — האט ער געזאגט — דא איז פאראן א גאנצער פאוויליאן, וואו אוהר וועט גאנץ באַ־קוועם קענען איבערנעכטיגען.

— מוזען מיר אומבאדינגט דא נעכטיגען? איז ניטא קיין מעגליכקייט צוצוקומען, ווען ניט צו א שטאט, כאטש צו א פארם אדער צו א ווילע?

— אוממעגליך, מיין הער. אויסער ווען מען זאל איבער־לאזען אייערע זאכען אין דער קארעטע, דעם וואגען קען מען פון ארט ניט ריהרען.

— עס איז ניט שווער מיטצונעמען דעם באגאזש. ער איז זעהר קליין און מען קען איהם אנלאדען אויף איין פערד און אויפ'ן צווייטען וועל איך זיך זעצען מיט'ן קינד און דו וועסט אונז ווייזען דעם וועג צו דעם נאהענסטען הויז.

— אוממעגליך צו ריהרען זיך פון דאנען נאך היינט ביי נאכט! דער וועג איז שלעכט און מיינע פערד זענען זעהר פאר־מאטערט. עס וועט זיין שווער פון דאנען ארויסצוקריכען אפילו ביי טאג אויסער מיט גאט'ס הילף. דאס וויכטיגסטע איז איצט צו געפינען א פלאץ פאר דער פריילין. איך וועל פאר אייך א זוך טאן א צימער, וואו די פענסטער און די טירען זענען נאך

גאַנץ און דער באַלקאָן האָלט ניט אין איינפאַלן. עפּעס עהנ־ליכעס אויף א שטאָל האָב איך געפונען פאַר מיינע פערד און עסענוואַרג מיט זיך, וועלן מיר נאָך היינט פאַר הונגער ניט שטאַרבן. איך ברענג אייך גלייך אריין אייערע זאַכן פון דער קאַרעטע: די נאַכט וועט גיך פאַראיבער.

— זאָל זיין, ווי דו זאָגסט — האָט צוגעשטימט פלאָשאַר־דע, — מסתמא איז דאָ ביי דיר פאַראַן א באַקאַנטער וועכטער, וואָס וועט זיין גאַסטפריינדליך צו אונז.

— דאָ איז ניט פאַראַן קיין וועכטער. דער שלאָס פיקטאַרדיו באַוואַכט זיך אליין. ערשטענס, איז דאָ ניט דאָ וואָס צוצונעמען. צווייטענס... אבער איך וועל שוין אייך ליבערשט דערצעהלען דערפון שפּעטער. מיר זענען ביי דער טיר פון געוועזענעם באַדע־צימער. איך ווייס ווי צו עפענען די טיר. וואַרט אויף מיר און האָט פאַר קיין זאַך קיין מורא ניט.

שמועסענדיג אזוי, זענען זיי דורכגעגאַנגען איינִיגע מעהר אַדער ווענִיגער צופאַלענע געביידען פון שלאָס און זענען צוגע־קומען צו א נידעריגער, שווערער געביידע אין אַלטען סטיל. די דאָזיגע געביידע, ווי דער גאַנצער שלאָס, האָט באַלאַנגט צו דער רענעסאַנס עפּאָכע. אבער, ווען די פאַסאַדע פון דער הויפּט געביידע איז געווען א וואונדערליכע מישונג פון פאַרשידענע סטילען, האָט דער דאָזיגער פּאַוויליאָן, וואָס האָט זיך געפונען אין הויף, דערמאַנט א קלויסטער הויף, ער איז געווען א קאָפּיע פון די פּראַכטפולע אַלט־רוימישע פאַלקס באַדע־הייזער. די טיר צום פּאַוויליאָן האָט זיך גוט פאַרמאַכט און דערפאַר האָט ער זיך איינגעהאַלטען אין גאַנצען.

דער קוטשער האָט מיטגענומען מיט זיך א לאַמטערן פון דער קאַרעטע מיט א ליכט. ער האָט אויסגעהאַקט פייער און פלאַשאַרדע האָט זיך איבערצייגט, אז מען קען דאָ איבערנעכ־

טיגעז. ער האָט זיך צוגעזעצט אויפ'ן סאָקעל פון איין קאָלאָנע און געוואָלט דיאנא'ן אוועקזעצן צו זיך אויף די קני, ביז דער קוטשער וועט ברענגען די זאכן און די קישענס.

— ניין, א דאנק, פּאָפּא — האָט זי געזאָגט, — איך בין זעהר צופרידען. וואָס מיר פאַרברענגען די נאַכט אין אַט דעם שעהנעם שלאָס. דאָ פיהל איך זיך ניט קראַנק. לאָמיר געהן העלפען דעם פוהרמאן, וועט אַלעס גיכער צוגעהן. איך בין זיכער, אַז דו ביסט הונגעריג, וואָס אַמבאַלאַנגט מיר, וואָלט איך מיט פאַרגעניגען אויפגעגעסען א פּאָר קיכלעך און פרוכטען. וואָס דו האָסט פאַר מיר מיטגענומען אין קערבעל.

זעהענדיג, אַז זיין קליינע טאָכטער איז אזוי מונטער, האָט פלאָשאַרדע זי גענומען מיט זיך און זי האָט זיי געהאָלפען. איז אַ פּערטעל שעה אַרום זענען די קישענס, מאַנטלען, קערב, קור־פערטען, — מיט איין וואָרט, אַלץ וואָס עס איז געווען אין וואָגען שוין געווען אריבערגעטראָגען אין דעם באַדע־הויז פון אַלטען שלאָס. דיאנא האָט ניט פאַרגעסען איהר פּופּע, וועמעס האַנט איז צובראָכען געוואָרען אין דער צייט, ווען ס'איז געשעהן דער אומגליק מיט דער קאַרעטע. זי האָט זיך געוואָלט צעוויינען. אָבער זעהענדיג, אַז ביי איהר פאָטער זענען צובראָכען געוואָרען ווערטפולערע זאכען. האָט זי זיך איינגעהאַלטען פון קלאָגען אויף איהר אומגליק. גרוים פרייד האָט פאַרשאַפט דעם קוטשער דאָס, וואָס די צוויי פלעשער גוטען וויין זענען ניט צעבראָכען געוואָרען: מיט צערטליכקייט האָט ער געקוקט אויף זיי. ווען ער האָט זיי געטראָגען.

— אזוי ווי דו האָסט געפונען אַז אָרט פאַר אונז וואו צו רוהען, — האָט געזאָגט פלאָשאַרדע, — און דו ווייזסט אַרוים איבערגעבענהייט... ווי רופט מען דיך?

— ראַמאַנעש. מיין הער.

— דערפאַר, ראַמאַנעש, וועסטו עסען מיט אונז צוזאַמען

און וועסט שלאָפֿען אין דעם געראַמיגען צימער, אויב דו ווילסט עס נאָר.

— נייז, מייז הער. איך וועל געהן פאַרבינדען די וואונדען פון מיינע פערד און וועל ארומגעהן ארום אייך, אבער פון א גלעזעל וויין קען מען זיך ניט אפזאָגען, באַזונדערס אין א צייט פון אן אומגליק. אויסער דעם, וועל איך אייך באַדינען, מעגליך, אז דער פריילייז וועט זיך פאַרוועלען א טרונק וואסער, ווייס איך, וואו עס געפינט זיך א קוואַל. איך וועל איהר איינאָרדנען א געלעגער : איך ווייס ווי ארומצוגעהן ארום קינדער, איך אליין האָב אויך קינדער !

האַלטענדיג אין איין רעדען, האָט ראַמאַנעש דערווייל אלץ געבראַכט אין אָרדנונג. דאָס עסען איז באַשטאַנען פון קאַלטע מאכלים און פון זים געבעקס, וועלכע דיאַנאַ האָט מיט פאַר־געניגען געגעסען. עס איז ניט געווען קיין טיש, קיין שטולען. אין מיטען צימער האָט א מאַרמאָרנער באַסיין געבילדעט עפּעם עהנליכעס צו א קליינעם אמפיטעאַטער מיט טרעפּען, מיט וועל־כע מען האָט זיך געקענט באַנוצען. דער קוואַל, וואָס האָט אמאָל באַזאָרגט דאָס באָדע־הויז מיט וואסער, האָט נאָך געהאַל־טען אין שטראָמען אויפ'ן הויף : דאָס וואסער פונ'ם קוואַל איז געווען גרויסאַרטיג, און דיאַנאַ האָט מיט פאַרגעניגען געטרונקען דאָס וואסער אין איהר זילבערנעם גלעזעל. פלאַשאַרדע האָט איין פלאַש וויין געגעבען ראַמאַנעש'ן און די צווייטע גענומען זיך : זיי זענען אויסגעקומען אהן גלעזער.

אין דער צייט פון עסען, האָט דער מאָלער געקוקט אויף זיין טאָכטער. זי איז געווען פרעהליך און וואָלט ליעבערשט נאָך געזעסען און געפּלוידערט, ווי צו געהן שלאָפֿען : אבער ווען זי האָט איינגעשטילט איהר הונגער, האָט דער פאָטער איהר פאַרגעלייגט צו לייגען זיך. מען האָט איהר אויסגעבעט א באַק־וועם געלעגער פון די קישענס און די מאַנטלען אין דער מאָר־

מארנער וואנע, וואס איז געשטאנען נאהענט פון באסיין. עס איז געווען א מילד וועטער; עס איז פארגעקומען אין מיטען זומער; די לבנה האט גענומען לויכטען. דערצו האבען אונזערע רייזענדע געהאט מיט זיך א ליכט. אינוועניג איז דאס באדע־הויז געווען אויסגעמאלען, אויף די גירלאנדען פון באלקען האט מען נאך געקענט דערקענען די פייגעל, וועלכע האבען געהאלטען זיך אין יאגען נאך שמעטערלינגען, וועלכע האבען אויסגעזעהן גרעבער און גרעסער פון די פויגעל. אויף די ווענט האבען נימ־פען, האלטענדיג זיך פאר די הענט, געדרעהט זיך אין א קארא־כאד; איינע פון די נימפען איז געווען אהן פיס, די צווייטע אהן הענט און די דריטע אהן א קאפ. ליגענדיג אין איהר אימפרא־וויזירטען בעט מיט איהר פופע אויף דער האנט, האט דיאנא, איידער זי איז איינגעשלאפען, געקוקט אויף די לאהמע טענצע־רינס און זי האט געפונען, אז זיי האבען פארט אן עלעגענטאן אויסזעהן.

II.

די דאַמע אין שלייער.

ווען פלאַשאַרדע'ן האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דיאַנאַ איז איינגעשלאָפען, האָט ער געפרעגט ראַמאַנעש'ן, וואָס האָט פאַר־נומען דאָס אָרט פון אַ לאַקיי און צוזאַמענגעקליבען דאָס איבער־בלייבעכץ פון עסען:

— ערקלער מיר, פאַרוואָס באַוואַכט זיך דער שלאָס אַליין: דו האָסט מיר פריהער אַנגעדייט, אַז עס זענען דאָ גע־וויסע אורזאַכען.

ראַמאַנעש האָט זיך אַביסעל געוואַקעלט, אָבער דער גוטער וויין האָט איהם געמאַכט רעדעוודיג און ער האָט געזאָגט:

— איך בין זיכער, מיין הער, אַז איהר וועט פון מיר לאַ־כען. איהר, געבילדעטע לייט, גלויבט ניט אין פילע זאַכען.

— הער זיך איין, מיין ליעבער. עס איז אמת, אַז איך גלויב ניט אין איבערנאַטירליכע קרעפטען, אָבער איך האָב זעהר ליעב צו הערען פאַנטאַסטישע מעשיות. דער שלאָס האָט גע־וויס זיינע זאַגען: דערצעהל זיי מיר. איך זאָג דיר צו, אַז איך וועל ניט לאַכען.

— אויב אַזוי, איז עפּעס אַנדערש. איך האָב אייך געזאָגט, אַז דער שלאָס פּיקטאַרדיו באַוואַכט זיך אַליין, דאָס איז בלויז אַזוי געזאָגט. איהם באַוואַכט אַ דאַמע אין אַ שלייער.

— ווער איז די דאַמע אין שלייער?

— דאָס ווייסט קיינער ניט! טייל זאָגען, אַז דאָס איז אַ

לעבעדיגע פרוי, וואס קליידט זיך לויט דער אלטער מאָדע: אנדערע זאגעז, אז דאס איז דער גייסט פון א פרינצעסין, וואס האט געלעבט מיט פילע יאהרעז צוריק און וואס קומט אהער צו־ריק יעדע נאכט.

— הייסט דאס, אז מיר וועלעז האבעז דאס פארגעניגעז זי צו זעהן?

— ניין, מיין הער, איהר וועט זי ניט זעהן: דאס איז זעהר א העפליכע דאמע, וואס וויל אויסנעמעז די געסט אויף אן ארטיגעז וועג: טיילמאל לאדט זי איין דורכגעהער איז שלאס אריין, און, אויב זיי שענקעז ניט קיין אויפמערקזאמקייט איהר איינלאדונג, ווארפט זי זיי ארויס פון די וועגעז, אדער שליידערט זיי אראב פון די פערד; אויב דאס זענעז פוס־געהער, ווארפט זי אן אויפ'ן וועג אזויפיעל שטיינער, אז זיי קענעז ווייטער ניט געהן. מסתמא האט זי אונז א רוף געטאן פון טורעם אדער פון דער טעראסע, און מיר האבעז ניט דערהערט. איהר קענט זיך טראכטעז וואס איהר ווילט, אבער דאס אומגליק האט מיט אונז ניט פאסירט גלאט־אזוי־זיך, און, אויב איהר וואלט באַ־שטאנעז אז מיר זאלעז ווייטער פאהרעז, וואלט מיט אונז פאַ־סירט עפעס ערגערערס.

— זעהר גוט. איצט פארשטעה איך, פארוואס דו האסט געפונען פאר אוממעגליך אונז צו פיהרען אין עפעס אן אנדער ארט.

— אויף א צווייטען ארט, אפילו אין שטאדט, וואלט אייך געוועזן ערגער: דארט איז ניט אזוי ריין, ווי דא. אפשר דאס עסען וואלט געוועזן אביסעל בע'טעמ'טער, כאטש מיר דאכט זיך, אז אונזער עסען האט געהאט א טעם פון גן־עדן.

— דאס עסען איז ניט געוועזן שלעכט און איך באדויער ניט, וואס מיר געפינען זיך דא. אבער מיר ווילט זיך וויסען אלץ וועגען דער דאמע אין שלייער. זי מוז, אפנים, זיין זעהר

אומצופרידעז, וועז מעז קומט צו איהר איז גאנצעז אהז אז איינלאדונג.

— זי איז ניט בייז און זי באווייזט זיך ניט: קיינמאל האט זי נאך קיינעם ניט געזעהן; זי האט נאך קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאן. אבער וועז דו דערהערסט א געשריי: „ארויס"!, מוזסטו, ווילענדיג־ניטווילענדיג, פאלגעז דער שטי־מע. ווייל דו פיהלסט, ווי עפעס א קראפט, ווי פערציג פאר פערד, וואלטעז דיך געשלעפט.

— קעז דאך דאס זעלבע טרעפעז מיט אונז, ווייל זי האט דאך אונז ניט איינגעלאדעז.

— אנטשולדיגט, מייז הער, איך ביז זיכער, אז זי האט אונז גערופעז, נאר מיר האבעז ניט געשאנקעז קיין אויפמערק־זאמקייט איהר איינלאדונג.

דאמאלט האט זיך פלאשארדע דערמאנט, אז דער קליינער דיאנא'ז האט זיך אויסגעוויזעז, אז די סטאטוע פון דער טערא־סע האט זי גערופעז.

— רעד אביסעל שטילער — האט ער געזאגט צום פוהר־מאז — עפעס עהנליכעס אויף אז איינלאדונג האט זיך גע־חלומ'ט דער קליינער מיידעל, מעז דארף ניט, אז זי זאל גלויבעז איז אזוינע נארישקייטעז.

— זי האט געהערט! — האט מיט פרייד אויסגעשריעז ראמאנעש, — אט האט איהר עס, מייז הער! די דאמע איז שלייער פארגעטערט קינדער. וועז זי האט באמערקט, אז איהר פאהרט ווייטער און שענקט ניט קיין אויפמערקזאמקייט איהר איינלאדונג, האט זי איבערגעקערט דעם וואגעז.

— און פארוואונדעט דיינע פערד? ניין, דאס איז ניט שעהז פון אזא גאסטפריינדליכער פערזאן!

— זאגענדיג אייך דעם אמת, מייז הער, זענעז מיינע פערד ניט אזוי שטארק פארוואונדעט געווארעז. אביסעל בלוט איז גע־

גאנגען, דאס אלץ. דעם וואגען איז געשעהן א גרעסערער שאַ־דען. אבער, ווען מען זאל איהם קענען מארגען פארריכטען, אדער קריגען אן אנדערען, וועט איהר בלויז האבען פארשפע־טיגט אויף א פאר שעה, ווייל איהר האט דאך סיי־ווי געוואלט נעכטיגען אין סען־זשאן־גארדאנאנק. אפשר ערווארט מען אייך ערגעץ, און איהר האט מורא, אז מען וועט זיך באאומרוהיגען, אויב איהר וועט ניט קומען אין דער באשטימטער צייט?

— געוויס, — האט געענטפערט פלאשארדע. — ער האט זיך אביסעל געשראקען פאר דער זארגלאזער פילאזאפיע פון פוהרמאן און פאר זיין גרייטקייט אונטערצוואווארפען זיך צו יעדען קאפריז פון דער דאמע אין שלייער.

— מען דארף זעהן גלייך אין דער פריה אנצוויאגען די פארלארענע צייט.

דער אמת איז, אז מען האט פלאשארדע ניט ערווארט אין א באשטימטער צייט אין דער היים. זיין פרוי האט ניט גע־וואוסט, אז דיאנא איז קראנק געווארען אין קלויסטער און זי האט איהר ערווארט ערשט צו זעהן אין צייט פון וואקאציע.

— מיר דאכט זיך, אז עס איז שוין צייט צו שלאפען — האט געזאגט פלאשארדע. — ווילסטו שלאפען דא? איך האב גארניט געגען דעם, אויב דיר איז נאר דא באקוועמער ווי מיט די פערד.

— א דאנק, מיין הער, איהר זייט זעהר גוט, אבער איך קען אנדערש ניט שלאפען, ווי מיט זיי. האט איהר נאר ניט קיין מורא צו בלייבען דא מיט דער פרייליין?

— מורא האבען? יא, ניין! קענסטו מיר, אגב, ניט זאגען פון וואנען ווייסט מען, אז די דאמע איז אין א שלייער. ווען קיינער האט זי נאך קיינמאל ניט געזעהן?

— איך ווייס ניט, מיין הער. פון אלטע צייטען דער־צעהלט מען עס, און ניט איך האב עס אויסגעטראכט. איך

גלויב אין דעם און איך שרעק זיך ניט פאר דער דאמע. דערצו האב איך ניט געטאן אזוינס, וואס זאל אריינברענגען אין כעס דעם גייסט פון שלאס.

— נו, צום ווידערזעהן און א גוטע נאכט, — האט געזאגט פלאשארדע, — קום צוריק, ווי נאר עס וועט אנהויבן צו טאגען; באדין אונז גוט, וועסט זעהן, דו וועסט ניט חרטה האבען.

בלייבענדיג אליין מיט זיין דיאנא'ן, איז פלאשארדע צוגעגאנגען צו איהר, האט א טאפ געטאן איהרע בעקלעך און איהרע הענט. ער איז געווען זעהר פארוואונדערט און דערפרעהט, וואס זי האט זיך גוט געפיהלט, כאטש ער האט זעהר ווייניג פארשטאנען, האט ער דאך געוואלט זעהן איהר פולס. אבער דיאנא האט, קושענדיג איהם, געזאגט:

— זיי רוהיג, טאטעלע, איך פיהל זיך זעהר גוט. דאס פיבערט מיין פופע, באאומרוהיג זי ניט.

דיאנא איז געווען צארט און עדעל; זי האט זיך קיינמאל ניט באקלאגט. זי האט איצט אזוי גוט אויסגעזעהן, אז איהר פאטער האט זיך דערפרעהט.

„עס איז אבער פארט קיין צווייפעל ניט, אז זי האט היינט געהאט א אנפאל‟, האט ער געטראכט. זי האט געהאט היץ, ווען איהר האט זיך אויסגעדאכט, אז זי הערט, ווי די סטאטוע רעדט. אבער דער אנפאל האט געמוזט זיין זעהר א קורצער און דאס בייטען פון דער לופט איז געווען גענוג זי אויסצוהיילען. מעגליך, אז דאס לעבען אין קלויסטער ווירקט ניט גוט אויף איהר. איך וועל זי שוין איצט האלטען אין דער היים און מיין פרוי וועט זיכער דערמיט זיין צופרידען.

פלאשארדע האט זיך איינגעארדענט אם בעסטען ווי ער האט נאר געקענט אויף די טרעפ פון באסיין, נעבען זיין טאכטער און אין גיכען האט ער דערפיהלט, אז ער שלאפט איין מיט'ן שלאף פון א יונגען, געזונטען מענשען.

פלאַשאַרדע איז געווען אַרום פערציק יאָהר. ער איז געווען שעהן, גוט, מוטיק, גוט ערצויגען און פריינדליך, ער האָט פאַר־דינט אַ סך געלט, מאָלענדיק פּאָרטרעטען. די דאַמען זענען זעהר געפעלען זיינע פּאָרטרעטען, זיי האָבען געזאָגט, אַז זיי זענען זעהר עהנליך, מסתמא דערפאַר, וואָס אויף זיי זענען זיי שטענדיק אַרויסגעקומען שענער און יינגער. איז אמת'ן, זענען אַלע פלאַשאַרדע'ס פּאָרטרעטען געווען עהנליך איינער אויפ'ן צווייטען, ווייל ער האָט שטענדיק פאַר'ן אויג געהאַט איין שעהן געשטאַלט, וואָס ער האָט, מיט קליינע ענדערונגען, געהאַלטען אין איין מאָלען: אַלץ וואָס ער האָט געזאָרגט איז געווען, ריכטיק איבערצוגעבען די קליידער און די פריזור פון זיינע מאָדעלען. די גענויקייט פון די דאָזיגע דעטאַלען, איז געווען דאָס בעסטע אין זיינע פּאָרטרעטען. ער האָט אויסגעצייכענט איבערגעבען די שאַטירונגען פון די קליידער, די באַוועגונג פון אַ לאַק, פון אַ בענדעל: איינינגע פון זיינע פּאָרטרעטען האָט מען גלייך דער־קענט נאָך דער עהנליכקייט פון אַ קישען, אָדער אַ פּאַפּוגיי, וואָס זענען געווען צוזאַמען אויפ'ן בילד מיט'ן מאָדעל. עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז ער האָט געהאַט טאַלאַנט. ער איז, קען מען זאָגען, אפילו געווען אַ גרויסער טאַלאַנט, אָבער איז זיין אַרט בלויז: מען האָט פון איהם ניט געקענט פאָדערן, אָריגינאַליטעט, געניאַליטעט, אָדער פאַרשטעהן דאָס ווירקליכע לעבען. ער האָט געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג: די העכערע בורזשואַזיע האָט איהם פאַרגעצויגען פון אַן אמת'ן גרויסער קינסטלער, וועמעס חוצפה האָט געקענט דערגרייכען ביז צו מאָלען אויפ'ן פּאָרטרעט אפילו אַ קנייטש פון פּנים אָדער אַ באָראָדאָווקע, וואָס דער מאָדעל האָט געהאַט.

צוויי יאָהר נאָך דער חתונה איז איהם געשטאָרבען זיין ווייב, ער האָט אַ צווייט מאָל חתונה געהאַט פאַר אַ יונג, אָרעם מיידעל, אָבער פון אַ גוטער פאַמיליע, וואָס האָט איהם געהאָל־

טען פאר'ן גרעסטען קינסטלער פון דער וועלט. זי איז געווען באגאבט פון דער נאטור, אבער זעהר שעהן. אזוי שעהן, אז זי האט קיינמאל קיין צייט ניט געהאט צו טראכטען אדער לערנען זיך. זי האט זיך אפילו אפגעזאגט פון ערציהען איהר מאנ'ס טאכטער און האט איהם באוואויגען! אפצוגעבען די קליינע דיאנא אין קלויסטער, זאגענדיג, אז אזוי ווי זי איז אן אייז־איינציגע, וועט איהר פרעהליכער זיין צווישען מיידלעך אין איהרע יאהרען, ווי אליין אין דער היים. זי וואלט זיך ניט געקענט שפילען מיט דיאנא'ן און פארנעמען זיך מיט איהר, און ווען זי וואלט עס אפילו געקענט, וואלט זי אויך אויף דעם קיין צייט ניט געפונען. זי האט געדארפט האבען די צייט אויף איבערצוטאן זיך א צעהן מאל א טאג, און יעדעס מאל אין אלץ שענערע קליידער.

פלאשארדע איז געווען א גוטער פאטער און מאן. אודאי האט ער געוואוסט, אז זיין פרוי איז אביסעל צו לייכטזיניג. אבער זי האט זיך דאך געפוצט א גאנצען טאג, אום איהם צו געפעלען, דערצו פלעגט זי זאגען, אז זי טוט עס בלויז דערפאר, אום איהם צו ברענגען נוצען, ווייל זי גיט איהם דערמיט א געלעגענהייט צו ערלערנען די הערליכע פרויען קליידער. וואס זענען דער וויכטיגסטער טייל פון זיין קונסט.

איינשלאפענדיג אין באסיין פון אלטען שלאס, האט פלאשארדע געטראכט וועגען דער שעהנהייט פון זיין פרוי און וועגען איהרע קליידער, וועגען זיין קראנקער, אפשר שוין געזונט געווארענער טאכטער, וועגען זיינע רייכע באשטעלער, וועגען ארבייטען, וואס ער האט ניט געהאט קיין געדולד אנצוהויבען. וועגען דעם אומגליק מיט דער קארעטע, וועגען דעם זאנדערבארען צוזאמענפאל צווישען דער פאנטאסטישער געשיכטע פון פוהרמאן מיט דעם, וואס דיאנא האט גערעדט פון היץ, וועגען דער דאמע אין שלייער און וועגען דער אייגענשאפט פון פשוט'ע

מענשען צו גלויבען איז וואונדער אפילו דאמאלט, ווען זיי ווע־רען ניט געבארען פון שרעק. איבערלעבענדיג נאך אמאל די אלע איינדרוקען, איז ער שטארק איינגעשלאפען און אפילו גע־נומען שנארכען.

דיאנא איז אויך געשלאפען, ניט אמת? איך מוז זיך מודה זיין, אז איך וויים גאר ניט וועגען דעם. איך האב אייך דער־צעהלט וועגען איהר פאטער און מוטער און כ'האב זיך ערלויבט אוועקצוגעהן פון דעם געגענשטאנד, ריזיקירענדיג דערביי אייך צו דערעסען, דערפאר, כדי איהר זאלט וויסען, ווארום איז דיאנא שטענדיג געווען א רוהיג, פאר'חלום'ט מיידעל. איהרע ערשטע יאהרען האט זי פארבראכט מיט איהר אם, וואס האט זי פאר־געטערט, אבער וועלכע האט וויייניג גערעדט צו איהר: זי האט זיך אליין געמוזט פארענטפערען די פראגען, וואס זענען געבא־רען געווארען אין איהר קינדיש קעפעל. דערפאר גלויב איך, וועט אייך פיל ניט פארוואונדערען דאס, וואס איך געה אייך דערצעהלען וועגען איהר. איצט קומט מיר אוים אייך צו דער־צעהלען, ווי איהר קאפ האט געארביים אין שלאס פיקטארדיו...

ווען זי האט דערהערט, אז איהר פאטער האט גענומען שנארכען, האט זי געעפענט די אויגען און ארומגעקוקט זיך. אין דעם גרויסען, רונדען זאל איז געווען פינסטער, אבער אזוי, ווי דער באלקען איז ניט געווען זעהר הויך און דער לאמטערן פון וואגען, וואס איז געהאנגען אויפ'ן וואנט, האט נאך ארוים־נענעבען פון זיך א מאטען, ציטערדיגען שיין, האט דיאנא גע־קענט אונטערשיידען איינע אדער צוויי טענצערינס וואס זענען געווען אויסגעמאלען אין אנטיקען סטיל אויפ'ן באלקען, גלייך נענען איבער איהר. אם בעסטען האט זיך איינגעהאלטען א געשטאלט פון א פרוי פון הויכען וואוקס, א געוויסע פרישקייט האט נאך געהאט איהר גרין קלייד, די ליניען פון איהרע הענט און פים זענען נאך געווען גאנץ, אבער דאס פנים איז שוין גע־

ווען איז גאנצען פארשוואונדען. עס איז פארניכט געווארען פון דער פייכקייט. ניט איז גאנצען קלאר, אבער פארט האט עפעס דיאנא, ווען זי האט געהאלטען אין איינשלאפען, געהערט פון דעם, וואס דער פוהרמאן האט דערצעהלט איהר פאטער: ביס־לעכווייז האט זיך איהר אנגעהויבען אויסצואווייזען, אז דער דא־זיגער קערפער אהן א קאפ האט עפעס א שייכות צו דעם אלעם, וואס דער קוטשער האט דערצעהלט.

— איך ווייס — האט זי ביי זיך גטעראכט, — פאר־וואס דער פאפא האלט דאס אלץ פאר נארישקייטען. איך בין זיכער, אז די דאמע האט אויף דער טעראסע גערעדט צו מיר. דערצו אין א שעהנער, צארטער שטימע. איך וואלט געווען זעהר צופרידען, ווען זי זאל װעלען מיט מיר נאכאמאל רעדען. ווען איך וואלט ניט מורא געהאט, אז פאפא וועט זיין אין כעס, ווייל ער האלט מיך נאך אלץ פאר א קראנקע, וואלט איך אליין צוגעגאנגען און געזעהן, צי זי איז נאך דארטען.

אין דעם מאמענט, ווען זי האט וועגען דעם געטראכט, האט זיך דער לאמטערן פארלאשען, און א בלויער שיין, עהנליך אויפ'ן שיין פון דער לבנה, האט דורכגעשטראלט דאס צימער: און אין דער צארטער באלויכטונג האט זי באמערקט, ווי די אנטיקע טענצעריין איז ארונטער פון דער וואנט און געהט צו איהר. טראכט נים, ליעבע קינדער, אז דיאנא האט זיך דער שראקען, אין דאך דאס געווען די פאלקאמענע שעהנהייט אליין. מיט אומצעהליגע גראציעזע פאלדען, האט איהר קלייד ארומגע־נומען איהר פראכטפולען קערפער און עס האט אויסגעזעהן, ווי עס וואלט זיין באשאטען מיט זילבערנע פליטערלעך: אין א שלייער פון פיינעם טול זענען געווען איהרע האר, וואס זענען אין גאלדענע צעפ געפאלען אויף איהרע צוויי־ווייסע שולטער. פון דעם דאזיגען טול האט זיך ניט ארויסגעזעהן איהר פנים. נאר עס האט זיך געדאכט, אז פון דעם ארט, וואו עס דארפען

זיין די איגענע, האבען ארויסגעשטראלט צוויי בלייכע שטראלען. איהרע נאקעטע פיס און ביז די שולטער אנטבלויזטע הענט זע־נען געווען אויסערגעוועהנליך שעהן. מיט איין ווארט, די אומ־באשטימטע און בלייכע נומף. וואס איז געווען אויפגעצייכענט אויף דער וואנט, איז געווארען א לעבעדיגע וועזען און האט באצויבערט דעם בליק.

גאנץ נאהענט איז זי צוגעגאנגען צום קינד און, ניט אנ־ריהרענדיג דעם פאטער, וואס איז געשלאפען דערנעבען, האט זי זיך איינגעבויגען צו דיאנא'ן און פארזיגעלט א קוש אויף איהר שטערען. ריכטיגער, דיאנא האט דערהערט א שטילען גערויש פון ליפען, אבער האט גארנישט ניט געפיהלט. דאס מיידעל האט ארומגעוויקעלט איהרע הענט ארום דעם האלז פון דער דאמע, כדי איהר אפצאהלען פאר איהר צערטליכקייט און איינ־האלטען איהר. אבער זי האט בלויז ארומגענומען א שאטען.

— איהר זייט געוויס געמאכט פון נעבעל, — האט גע־זאגט דיאנא — ווייל איך פיהל אייך ניט. רעדט כאטש מיט מיר, אום איך זאל וויסען, צו איהר האט דאס פריהער מיט מיר גערעדט.

— דאס האב איך גערעדט, — האט געענטפערט די דאמע.

— ווילסטו ווערען מיט מיר זיך אביסעל דורכגעהן?

— איך וואלט זעהר וועלען: נאר באפריי מיך פון'ם פי־בער, אז פאפא זאל זיך ניט באונרוהיגען וועגען מיר.

— זיי רוהיג, געהענדיג מיט מיר וועסטו ניט זיין קראנק. גיב מיר דיין האנט.

פארטרויליך האט דאס מיידעל אויסגעצויגען איהר האנט. און כאטש זי האט ניט געפיהלט, אז די נימף האט אנגעריהרט איהר האנט, האט זיך איהר אבער אויסגעוויזען, אז אן אנגענעמע פרישקייט האט דורכגעדרונגען דורך איהר גאנצען וועזען.

צוזאמען האבען זיי פארלאזען דאס צימער.

— וואהין ווילסטו געהן ? — האט געפרעגט די דאמע.

— דארט, וואו דו ווילסט, — האט געענטפערט דאס מיידעל.

— ווילסט זיך אומקערען צו דער טעראסע ?

— מיר געפעלט זעהר די טעראסע מיט איהרע בושען און מיט איהר געדיכטען גראז.

— וואלסטו ניט וועלען באקוקען מיין שלאס פון אינ־ווייניג ? אינווייניג איז מיין שלאס נאך פיל שעהנער.

— ער איז אהן פענסטער און טירען און אין גאנצען פאר־לאזען !

— דו האסט א טעות. ער ווייזט נאר אויס אזוי צו די, וואס איך ערלויב ניט צו זעהן איהם.

— און מיר ערלויבסטו ?

— געוויס. זעה !

מיטאמאל האבען זיך די רואינען צווישען וועלכע דיאנא איז געשטאנען פארוואנדעלט אין א פראכטפולער גאלערעע מיט א רעליעף באגיטען באלקען. אין יעדען גרויסען פענסטער האבען זיך אנגעצונדען קרישטאלענע לייכטער, און גרויסע פראכט־פולע סטאטועס פון שווארצען מארמאר, מיט פאקלען אין די הענט, וואס זענען געווען אויסגעשטעלט אין דער נישע. אנדערע סטאטועס — בראנזענע, מראמארנע אדער אין גאנצען איבער־געגילטע, האבען זיך באוויזען אויף פראכטפולע פעדעסטאווען : אונטער די פיס פון דער קליינער וואנדעריז, אזוי ווייט, ווי דאס אויג האט געקענט גרייכען, האט זיך געצויגען א דיל פון מאזא־איק, וואס האט פארגעשטעלט צעווארפענע דא און דארט פאר־שידענע פייגעל און בלומען. אין דער זעלבער צייט האבען זיך פון דער ווייטען דערהערט קלאנגען פון מוזיק און דיאנא, וואס האט פארגעטערט מוזיק, האט אנגעהויבען צו שפרינגען און צו לויפען, און מיט אומגעדולד האט זי ערווארט צו זעהן

די טאַנצענדע, ווייל זי איז געווען זיכער, אַז די נימף פיהרט זי אויף אַ באַל.

— דו, ווי עס זעהט אויס, האָסט ליעב צו טאַנצען? — האָט געפרעגט די נימף.

— ניין! — האָט געענטפערט דיאַנאַ. — איך האָב זיך קיינמאָל ניט געלערענט טאַנצען און איך בין זיכער, אַז מיינע פיס זענען צו שווער דערפאַר: אָבער איך האָב ליעב אַלץ, וואָס איז שעהן, און מיר וואָלט זיך געוואָלט נאָכאַמאָל זעהן, ווי איהר פיהרט אַ קאַראַהאָד, איינמאָל האָב איך עס שוין געזעהן אויף דער וואַנט.

זיי זענען אַנגעקומען אין אַ גרויסען זאַל, וואָס איז געווען פול מיט העל באַלויכטענע שפּיגלען. די נימף איז גלייך פאַר־שוואונדען, אָבער באַלד האָט דיאַנאַ דערזעהן אַ מאַסע נימפען, וואָס זענען געווען עהנליך אויף דער, אין גרינע קליידער און אין טולענע שלייערען, זיי האָבען לייכט זיך געטראָגען אין אַ טאַנץ אין די אַלע גרויסע שפּיגלען, אונטער די קלאַנגען פון אַן אונזיכטבאַרען אָרקעסטער.

איהר האָט זעהר אַמוזירט צו קוקען אויף דעם קאַראַהאָד, און זי האָט געקוקט אַזוי לאַנג, ביז איהרע אויגען זענען איהר מיד געוואָרען און איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זי איז איינ־געשלאָפען. זי האָט דערפיהלט, אַז די קאַלטע האַנט פון דער נימף וועקט זי אויף, ווען זי האָט ערוואַכט, האָט זי זיך געפונען אין אַ צווייטען זאַל, נאָך אַ רייכערען און שענערען, אין מיטען פון וועלכען, עס האָט זיך געפונען אַ שענער, שווערער גאָלדענער טיש, פול מיט פאַרשידענע נאַשערייען, אומגעוועהנליכע פרוכ־טען, בלומען, געבעקס און קאָנפעקטען, אַנגעלעגט כמעט אַזוי הויך, ווי ביז צום באַלקען.

— נעם, וואָס דיר ווילט זיך נאָר אַליין, — האָט געזאָגט די נימף.

— איך וויל גארנישט אויסער קאלט, קאלט וואסער. מיר איז אזוי הייס, פונקט ווי איך אליין וואלט געטאנצט.

פון אונטער'ן שלייער ארויס האט די נימף א וועה געטאן אויף איהר, און זי האט זיך דערפיהלט אפגערוהט און דער־פרישט.

— איצט פיהלסטו זיך שוין גוט. זאג, וואס ווילסטו נאך זעהן?

— אלץ, וואס דו ווילסט, אז איך זאל זעהן.

— האסט ניט עפעס א באזונדערען פארלאנג?

— וואלסט מיר ניט געקענט באווייזען די געטער?

די נימף איז ניט פארוואונדערט געווארען פון איהר פאר־לאנג. דיאנא האט אמאל געהאט א בוך וועגען מיטאלאגיע מיט זעהר ארעמע צייכנונג, וועלכע האבען איהר אין אנפאנג געפעלען, אבער שפעטער האבען זיי גענומען זי אויפרעגען. זי האט גע'חלומ'ט צו זעהן עפעס שעהנערס און זי האט געמיינט, אז די נימף האט בעסערע צייכנונגען. די נימף האט זי ארייג־געפיהרט אין א צימער אין וועלכען עס זענען געווען בילדער פון מיטאלאגיע פערזאנען אין זייער נאטירליכער גרויס. מיט באוואונדערונג האט דיאנא אין אנפאנג א קוק געטאן אויף זיי און שפעטער האט זיך איהר געוואלט זעהן, ווי זיי באוועגען זיך.

— מאך, אז זיי זאלען צוקומען צו מיר — האט זי גע־זאגט דער נימף.

גלייך זענען די אלע געטער ארויסגעגאנגען פון זייערע ראמען און גענומען אין א קרייז ארומגעהן ארום איהר. דער־נאך האבען זיי זיך אויפגעהויבען אין דער הויך און גענומען זיך דרעהען, ווי פויגעל, וואס פארפאלגען איינער דעם צווייטען. זיי האבען זיך גענומען אזוי גיך דרעהען, אז דיאנא האט שוין ניט געקענט אונטערשיידען איינעם פון צווייטען. איהר

האט זיך געדאכט אז זי דערקענט איינינע פון זיי, די וואס זי האט אם מיינסטען ליעב געהאט אין איהר ביכעל, די גראַציעזע העבאַ מיט דעם בעכער, די שטאָלצע יונאָ מיט דער פּאווע, דעם שעהנעם מערקורי מיט׳ן קליינעם היטעל, פלאָרא׳ן באקראנצט מיט גרילאנדען פון בלומען. ווידעראמאָל איז דיאַנאַ פארמאטערט געווארען קוקענדיג אויף דער באוועגונג פון די געשטאַלטען.

— צו היים איז דאַ ביי דיר — האט דיאַנאַ געזאגט צו דער נימף, — פיהר מיך ארוים אין גאָרטען אריין.

אין דער דאָזיגער רגע האט זי זיך שוין געפונען אויף דער טעראסע; אבער דאָס איז שוין מעהר ניט געווען יענע טעראַסע דורך וועלכען זי איז דורכגעגאנגען אויף איהר וועג צום שלאָס. איצט איז עס געווען א בלומענבעעט, באַשאָטען מיט קליינע, פארשידענארטיגע שטיינדלעך, עס זענען געווען געמאכט שטעגלעך ווי פון מאזאאיק, אויף וועלכע, ווי אויף א רייכען טעפּיך, זענען געווען טויזענדער פארשידענפארביגע צייכנונגען. די סטאטועז האבען געזונגען א הערליכען הימן צו דער לבנה. דיאַנאַ האט באגעהרט צו זעהן די געטין, וועמעס נאמען זי האט געטראגען. גלייך האט זיך די געטין אראפּגעלאזען פון א זילבערנעם וואלקענדעל פון הימעל. זי איז געווען א גרויסע און געהאלטען א העל באלויכטענעם בויגען. רגע־ווייז איז זי געווארען קליין, אויף אזוי פיל קליין, אז זי האט אויסגעזעהן ווי א שוואַלב. דערנאך האט זי זיך דערנעהענטערט צום מיידעל און־ווידעראמאָל געווארען גרויס. דיאנא׳ס אויגען זענען מיד געווארען נאכצופאלגען די געטין און זי האט געזאגט צו דער נימף.

— איצט ווילט זיך מיר דיר א קוש טאָן.

— דאָס הייסט, דיר ווילט זיך שלאָפען. — האט געזאגט די נימף, — נעמענדיג זי פאר דער האַנט. גוט, שלאָף איין:

אבער ווען דו וועסט אויפוואכען, זאלסטו קיין זאך ניט פאר־
געסען דערפון, וואס איך האב דיר דא באוויזען.

שטארק איז דיאנא איינגעשלאפען און ווען זי האט ווי־
דעראמאל געעפענט די אויגען, איז זי געלעגען אין דער מאר־
מארנער וואנע, האלטענדיג אין איהר האנט דאס הענטעל פון
איהר פופע. דאס בלאהליכע מארגען־דעמערונג האט פארבי־
טען דעם בלויען לבנה־שיין. פלאשארדע איז שוין געווען אויפ־
געשטאנען און זיך געהאלטען אין ראזירען. אין יענער צייט
האט א וועלטליכער מענש געהאלטען פאר זעהר אונארטיג ניט
צו ראזירען זיך אלע אין דער פריה, ווען ער זאל זיך אפילו גע־
פינען גאט ווייס אין וועלכער שלעכטער לאגע.

III.

מאַדמואַזעל דע פּיקטאָרדיו.

דיאַנא האַט זיך אויפגעהויבען, אָנגעטאָן איהרע שיכלעך. וואָס זי האַט אויסגעטאָן איידער זי האָט זיך געלייגט שלאָפען. פארשפּילעט איהר קלייד און געבעטען דעם פאַטער, ער זאָל איהר געבען א שפּיגעל, כדי זי זאָל קענען כאָטש אביסעל ברענ־גען אין אָרדנונג איהר אַנצוג אין דער צייט, וואָס ער און ראַ־מאָנעש וועלען אַלץ צוגרייטען פאַר דער רייזע. וויסענדיג ווי שעמעוודיג זי איז, האָט דער פאַטער זי געלאָזען אַליין. ער האָט איהר געראָטען, אז אויב זי וועט וועלען זיך דורכשפּאַצירען דורך די רואינען פון שלאָס, זאָל זי גוט אַכטונג געבען אויף וואָס זי טרעט.

דיאַנא האָט זיך אָנגעטאָן, געבראַכט אַלץ אין אָרדנונג און, זעהענדיג, אז דער פאַטער האָט זיך נאָך ניט אומגעקעהרט, איז זי ארויסגעגאַנגען דורכצוגעהן זיך אביסעל איבער'ן פּאַרק. זי האָט געהאַפט צו זעהן נאָך אמאָל די אַלע זאַכען, וואָס זי האָט געזעהן מיט דער נימף ביי נאַכט. אבער זי האָט אפילו ניט געפונען די ערטער, וואו זיי זענען געווען. אַלץ איז געווען אין רואינען. די טרעפּען—צופאַלען, די צימערן—חרוב. מען האָט ניט געקענט אפילו דערקענען זייער אמאָליגען אויסזעהן. מען האָט געקענט זעהן אז אַט די געביידען זענען אמאָל געווען זעהר באַפּוצט אויף אייניגע אינווייניגסטע ווענט זענען נאָך פארבליבען סמנים פון בילדער, וואָס זענען געווען אויף זיי אויסגעמאָלען, אויף צע־

בראַכענע מאַרמאָרנע סטאַטועס איז נאָר געווען דאָס גאָלד, מיט וועלכע זיי זענען געווען באַגילט; פּראַכטפולע קאַמינען זענען נאָך געשטאַנען ביי די ווענט; אויף דער ערד האָבן זיך גע־וואַלגערט פאַרשידענע שטיקלעך געפאַרבט גלאָז, וואָס האָבן געלויכטן ווי פונקען אויף דעם גרינעם גראָז; עס האָבן זיך געוואַלגערט הענטלעך, וואָס האָבן באַלאַנגט צו די באַגולדטע קופּידאָנען און בראָנזענע פליגעלעך, שטיקלעך פון טעפּיכער. וואָס זענען צופּרעסטע געוואָרן פון מייז — מיט איין וואָרט איבערבלייבעכץ פון אַ פּירשטליכען לוקסוס, אַ גאַנצע וועלט פון גלאַנץ און רייכטום וואָס איז חרוב געוואָרן.

דיאַנאַ האָט ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי מען פאַרלאָזט דאָס אַזאַ הויז. מסתמא, — האָט זי געטראַכט ביי זיך — שלאָף איך איצט און מיר חלום׳ט זיך. מען האָט מיר געזאָגט, אַז איך רעד אָפט פון היץ. היינט ביי נאַכט האָב איך ניט געפיבערט און איך האָב געזעהן אַלע זאַכען אין זייער ריכטיגער גע־שטאַלט. דאָך פיהל איך זיך איצט ניט קראַנק. די נימף האָט מיר געזאָגט, אַז איהר שלאָס קען מען נאָר דאַמאָלסט זעהן, ווען זי ערלויבט עס און איך דאַרף זיך באַנוגנען דערמיט, וואָס זי ווייזט מיר איצט.

דיאַנאַ האָט אומזיסט ארומגעזוכט די שעהנע צימערן, די גרויסע גאַלערעען, די בילדער און די סטאַטועס, דעם גאָלדענעם טיש, אַט די אַלע וואונדער, צווישען וועלכע זי האָט פאַרבראַכט די נאַכט. דיאַנאַ איז אוועק אין גאָרטען, אָבער פון די אַלע וואונדערבאַרע בלומען איז קיין זכר ניט געווען.. עפּעס אַ גע־פיל האָט איהר אונטערגעזאָגט, אַז די דאָזיגע געוויקסען, וואָס זי האָט איצט געטראָפען זענען ניט ערגער פון אַנדערע און די בעעטען, וואָס האָבן אַנגעוואָרען זייערע סימעטרישע ליניען און שטענגלעך, זענען איהר אויך געפעלען געוואָרען איצט. דורכ־געהענדיג די טעראַסע האָט זי געזוכט צווישען די ווילדע גראָזען

און בושען די סטאטוע, וואס האט מיט איהר נעכטען גערעדט. זי האט איהר געפונען שטעהן נעבען א גרויסער וואזע מיט א האנט אויסגעצויגען אין דער ריכטונג פון דעם אריינגאנג צום שלאס, אבער איצט האט שוין די סטאטוע ניט גערעדט. ווי אזוי האט זי גאר געקענט ריידען? זי האט דאך ניט געהאט קיין מויל, זי האט אפילו ניט געהאט קיין קאפ. זי האט בלויז גע־האט אויף זיך דעם אונטערשטען טייל קאפ מיט דער ענדע פונ'ם שלייער, וואס האט ארומגענומען איהרע שטיינערנע האר. די איבריגע סטאטוען זענען געווארען נאך מעהר רואינירט דורך די לאנגע יאהרען, דורך דער פארוויסטונג און דורך די שטיינער, וואס נארישע אינגלעך פלעגען, אלס צייטפארטרייב, ווארפען אין זיי. אז עלטערער מענש פון דיאנא'ן וואלט פארשטאנען, אז די דאזיגע סטאטוען, וואס זענען דא, אין דער איינזאמ־קייט געשטאנען, האבען אויפגעוועקט שרעק אין די הערצער פון די דורכרייזענדע, און, אז קלוגע מענשען, באדויערענדיג דאס צו־פאלען פון שלאס, האבען איינגערעדט די אומוויסענדע, אז דער שלאס ווערט באוואכט פון א פרוי אהן א פנים, וואס איז גאסט־פריינדליך צו אנשטענדיגע מענשען און באשטראפט די. וואס זענען ניט געהארכזאם. נאך דעם, ווי עס האבען פאסירט איי־ניגע אומגליקליכע צופאלען דא אונטען, וואו עס איז באמת גע־ווען א זעהר שמאלער און אומגינסטיגער דורכגאנג צווישען דער וואנט און דעם טייך, האט זיך דער גלויבען, אז די רואינען ווערען באוואכט פון א גייסט נאך מעהר פארשטארקט. און קיי־נער האט שוין מעהר ניט געוואגט צו באליידיגען דעם שלאס. דאס טרויעריגע אויסזעהן פון געוויסע סטאטוען, האט עדות געזאגט אויף די קלעפ, וואס זיי האבען מיט צייטען צוריק באַ־קומען. ביי אלע סטאטוען האבען געפעהלט איינע אדערביידע הענט, אנדערע זענען געווען אין גאנצען אראפגעווארפען פון די פעדעסטאלען.

באטראכטענדיג פארזיכטיג די סטאטוע, וואס האט מיט איהר געערדט, האט זיך דיאנא'ן אויסגעדאכט, אז זי דערקענט אין איהר איהר ליעבע נימף. אין דער זעלבער צייט האט זי פארגליכען די נימף מיט דער טענצעריז, וואס איז געווען אויס־געמאלען אויף דער וואנט פון דעם צימער, וואו זי האט גע־נעכטיגט. זי האט זיך געקענט פארשטעלען, וואס איהר האט זיך נאר געגלוסט, ווייל די אלע געטער פון דער רענעסאנס צייט, וואס זענען קאפירט נאך אנטיקע מוסטערען, האבען שטענדיג אן עהנליכקייט אין די פארמען פון קערפער. ווי איז די קאס־טיומען, און אזוי ווי צופעליג האבען דיביידע פיגורען ניט גע־האט קיין געזיכטער, איז דער קליינער דיאנא'ס העשרה געווען גאנץ שארפזיניג, ווען אפילו ניט אמת.

ווען זי איז פארמאטערט געווארען פון ארומגעהן, האט זי גענומען זוכען איהר פאטער, וועלכען זי האט געטראפען ביים וואגען, וואו ער האט אונטערגעאיילט דעם שמידט, וואס האט געהאלטען אין פאריכטען די קארעטע. ראמאנעש האט ערגעץ אין דער געגענד אויסגעגראבען א שמידט, א וואוילען יונג, ניט אין גאנצען קיין אומגעשיקטען, וואס האט אבער געארבייט זעהר פאמעלעך און וועלכער האט ניט געהאט אלע נויטיגע אינסטרו־מענטען.

— מען דארף זיין געדולדיג, פריילייז, — האט געזאגט ראמאנעש. — איך האב אויפגעזוכט פאר אייך א שטיקעל שווארצען, אבער ניט אין גאנצען שלעכטען ברויט, זעהר פרישע פלוימען און קארשען. איך האב דאס אלץ אוועקגעטראגען אין אייער גרויסען צימער. וואלט איהר ניט געגאנגען פריש־טיקען? — דאס וואלט פארטריבען אייער אומעט.

— מיר איז גארניט אומעטיג, — האט געענטפערט דיאנא.

— אבער איבערבייסען וועל איך. איך דאנק אייך, וואס איהר האט געהאט מיך אין זינען.

— ווי פיהלסטו זיך? האט דער פאטער זי געפרעגט, — ווי ביסטו געשלאפען?

— איך בין ניט פיל געשלאפען, פאפא, אבער איך האב זיך אזוי גוט אמוזירט, אז מען קען זיך בעסער ניט ווינשען.

— אמוזירט זיך אין חלום, ווילסטו זאגען. דו האסט גע־האט פרעהליכע חלומות? דאס איז א גוטער סימן, געה פריש־טיקען.

נאכקוקענדיג איהר, איז פלאשארדע אנטציקט געווארען פון דעם גוטען כאראקטער פון אט דער בלייכער, מאגערער מיי־דעל, וואס האט זיך געקענט צו אלץ צופאסען און וואס האט קיינעם קיינמאל ניט געמאטערט מיט איהר קראנקהייט און איז אלע אומשטענדען, אין וועלכע זי זאל זיך ניט האבען געפונען, איז זי שטענדיג געווען מונטער און פרעהליך.

— איך פארשטעה ניט, — האט ער געטראכט ביי זיך, — פארוואס איז מיין ווייב איינגעפאלען זי אוועקצושיקען פון דער היים, וואו זי האט פארבראכט די צייט קיינעם ניט שטע־רענדיג און איז שטענדיג געווען מיט אלץ צופרידען. איך ווייס, מיין שוועסטער, די פארוואלטערין פון קלויסטער וויזיטאנדין דע מאנד, האט זיך צו דיאנא'ן זעהר גוט באצויגען, אבער מיין ווייב האט זי געדארפט נאך בעסער באהאנדלען.

ווען דיאנא איז צוגעקומען צו באדע־הויז, האט זי בא־מערקט א האלב אפגעמעקטען אויפשריפט אויף דער טיר. איהר איז געלונגען זיך פאנאנדערקלייבען אין די האלב פארמעקטע אותיות און איבערלעזען: ד י א נ א ' ס ב א ד ע ־ צ י מ ע ר.

— הייסט דאס, — האט זי שמייכלענדיג א טראכט געטאן. איך בין ביי זיך אין דער היים. איך וואלט פארגעצויגען זיך דא צו באדען. אבער עס איז שוין מעהר ניט דא קיין וואסער און דערפאר קען איך בלויז עסען דא און שלאפען.

זי האט געטראפען אן אויסגעצייכענטען פרישטיק, וואס

ראמאנעש האט אויף די טרעפּען פון באסיין איבערגעלאזען פאר איהר: נאכ'ן עסען האט זיך איהר פארוואלט צייכנען.

איהר מיינט הפנים, אז דיאנא קען ניט מאלען. עס איז אמת, אז איהר פאטער האט זי קיינמאל ניט געלערענט. ער האט זיך באנוגענד דערמיט, וואס ער האט איהר געגעבען בליי־שטיפ־טען און פּאפּיר און געלאזען איהר טאן דערמיט וואס זי האט געוואלט: אין יענער צייט האט זי פּרובירט צו קאפּירען די פּארטרעטען, וואס ער האט געמאלען. איהרע צייכנונגען האבען אין זיינע אויגען אויסגעזעהן זעהר קאמיש און ער האט פון גאנצען הארצען געלאכט פון זיי, ניט טראכטענדיג אפילו אויף א רגע, אז זי האט די מינדסטע פעהיגקייטען צו מאלעריי.

אין קלויסטער וואו דיאנא האט פארבראכט א יאהר, האט זי זיך ניט געלערענט צייכנען. אין יענער צייט האט מען בלויז די געלערנט צייכנען, וואס האבען גערארפט שפּעטער אליין זארגען פאר זייער אייגען שטיקעל ברויט. פלאשארדע, זייענדיג רייך, האט געוואלט פון זיין טאכטער מאכען אן אמת'ע פריילייז, ד. ה. א פרוי, וואס קען זיך גוט אנטאן און פּלוידערן און וואס ווייסט ניט פון קיין אנדערע דאגות.

אבער דיאנא האט ליידענשאפטליך ליעב געהאט מאלעריי און וואו זי האט נאר באגעגענט א בילד, א סטאטוע, האט זי זיי מיט גרויס אויפמערקזאמקייט באטראכט. אין דער קאַ־פּעלע פון איהר קלויסטער זענען געווען אייניגע סטאטוען פון הייליגע און בילדער, וואס זענען איהר מעהר אדער ווייניגער געפעלען. איך וויים ניט פארוואס, ווען זי האט באטראכט די פרעסקען אין דיאנא'ס באדע־צימער און דערמאנענדיג זיך דאס, וואס די נימף האט איהר ביי נאכט געוויזען, האט זיך דיאנא איבערצייגט, אז די בילדער פון קלויסטער זענען גארניט ניט ווערט און, אז איצט געפינען זיך פאר איהר זאכען, וואס זענען באמת שעהן.

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז פּאַרפּאַקענדיג אין קופערט צוויי אַלבאָמען, האָט דער פּאָטער איהר געזאָגט, „אַט דער קליינער איז פאַר דיר, אויב דו האָסט נאָך ליעב צו פאַרשמירען פּאַפּיר".

זי האָט אויפגעזוכט דעם אַלבאָם, פאַרשניצט אַ בליי־שטיפט און גענומען קאָפּירען די נימף אין דעם גרינעם קלייד, וואָס איז געווען העל באַלויכטען פון דער זון. זי האָט באַמערקט, אַז די נימף טאַנצט שוין מעהר ניט; זי איז מיט הער־ליכע טריט אַרויסגעטראָטען ניט באַוועגענדיג זיך, ווייל איהרע פיס האָבען גערוהט אויף דעם וואָלקען, אויף וועלכען זי האָט זיך געטראָגען. און איהרע הענט, וואָס זענען געווען פאַרפלאָכ־טען מיט די הענט פון איהרע חבר'טעס, האָבען ניט אַריינגע־צויגען די איבעריגע נימפען אין אַ קאַראַהאָד. מעגליך, אַז דאָס איז אַ מוזע, האָט געטראַכט דיאַנאַ, וואָס האָט נאָך ניט גע־האָט פאַרגעסען די מיטאָלאָגיע.

אַ פאַר'חלומ'טע האָט דיאַנאַ געצייכענט. געצייכענט: אומצופרידען מיט איהר ערשטער צייכנונג, האָט זי געמאַכט אַ צווייטע, אַ דריטע, אַ פערטע און זי האָט געצייכענט אַזוי לאַנג, ביז אַ העלפט פון איהר אַלבאָם איז פאַרנוצט געוואָרען. כאָטש זי האָט שוין געהאַט געמאַכט אַזויפיל צייכנונגען, איז זי אָבער אַלץ ניט געווען צופרידען און זי האָט געוואָלט ווייטער מאָלען. אָבער אַ לייכטע האַנט האָט זיך אין דער רגע אַרויפגעלייגט אויף איהרע אַקסעל. גיך אומקערענדיג דעם קאָפּ, האָט דיאַנאַ באַמערקט אונטער זיך אַ מיידעל פון אַ יאָהר צעהן, אָרעם אָנ־געטאָן, נאָר אַ שעהנע און אַ גוט געבויטע. דאָס מיידעל האָט געקוקט אויף דער צייכנונג און מיט אַ פּנים, וואָס האָט אויס־געדריקט שפּאָט, אַזוי געזאָגט:

— דו אונטערהאַלסט זיך, מאָלענדיג די דאָזיגע אַלטיטשקע אין אַלבאָם?

— יאָ, — האָט געענטפערט דיאַנאַ, — און דו?

— איך, קיינמאָל ניט! מיין פאָטער ערלויבט עס מיר ניט און איך מאַך ניט קאָליע זיינע ביכער.

— פאָפּאַ האָט אַליין מיר געגעבען דאָס דאָזיגע בוך. — האָט געענטפערט דיאַנאַ.

— אַזוי גאָר? הייסט דאָס, אַז ער איז רייך!

— רייך? איך ווייס באמת ניט.

— דו ווייסט ניט, וואָס עס הייסט זיין רייך?

—ניין, איך ווייס ניט. איך האָב וועגען דעם קיינמאָל ניט געטראַכט.

— הייסט דאָס, אַז דו ביסט רייך. איך ווייס זעהר גוט, וואָס עס הייסט צו זיין אָרעם.

— אויב דו ביסט אָרעם... איך האָב ביי זיך גאָרניט, אָבער איך וועל בעטען ביי פּאַפּאַ...

— וואָס! איהר נעמט מיך אָן פאַר אַ בעטלעריןֹ? איהר זייט גאָרניט באַשיידען! איז דאָס דערפאַר וואָס איך טראָג אַ פּשוט ציצען קליידעל און איהר אַ זיידענעם? אָבער ווייסט, אַז איך בין אַלץ פון אַ העכערען שטאַנד ווי איהר, איהר זייט בלויז די טאָכטער פון אַ מאָלער, און איך — בלאַנש דע פּיקטאַרדיו, בין די טאָכטער פון מאַרקיז פּיקטאַרדיו.

— פון וואַנען קענט איהר מיך? — האָט געפרעגט דיאַנאַ ניט ווערענדיג פאַרבלענדט פון איהר יחוס.

— איך האָב נאָר וואָס געזעהן אייער פאָטער אין הויף פון מיין שלאָס, וואו ער האָט געשמועסט מיט מיין פאָטער. איך ווייס, אַז איהר האָט פאַרבראַכט דאָ די נאַכט, אייער פאָטער האָט זיך דערפאַר אַנטשולדיגט, און מיין פאָטער, ווי אַן אמת׳ר אַריסטאָקראַט, האָט איהם איינגעלאַדען אין אַ בעסערער געביידע, ווי דער פאַרלאָזענער שלאָס איז. איך זאָג אייך פאָראויס, אַז איהר וועט מיטאָגען מיט אונז אין אונזער נייעם הויז.

— איך וועל געהן אַהין, וואוהין פּאַפּאַ וועט מיך פיהרען.

— האָט געענטפערט דיאַנא: מיר וואָלט זיך וועלען וויסען, ווארום רופט איהר דעם שלאָס פארלאָזענעס. מיר דאכט זיך, אז ער איז נאָך אלץ זעהר שעהן און אז איהר ווייסט ניט אלץ, וואָס עס געפינט זיך אין איהם.

— אין איהם געפינען זיך שלאַנגען, מייז און ווילדע גע־וויקסען. — האָט געזאָגט מאַדמואזעל דע פיקטאַרדיו מיט א טרויעריגען שמייכעל. איהר דאַרפט ניט חוזק מאַכען פון מיר. איך וויים, אז מיר האָבען פארלאָרען דאס פארמעגען פון אונ־זערע עלטערען און זענען געצוואונגען צו לעבען ווי פשוט'ע דאַרפס־לייט, אבער פאַפּאַ האָט מיר געזאָגט, אז דאָס ערנידע־ריגט אונז ניט, ווייל קיינער קען אונז ניט שטערען צו זיין די איינציגע, אמת'ע פיקטאַרדיו.

דיאַנא האָט ווייניג וואָס פארשטאַנען פון די רייד פון אט דעם מיידעל. זי האָט איהר אָפענהערציג געפרעגט, צי זי איז ניט די טאָכטער פון דער דאַמע אין שלייער.

די דאָזיגע פראַגע האָט, ווי ער זעהט אוים, זעהר אויפגע־רעגט די יונגע באַלעבאָסטע פונ'ם שלאָס.

— נעמט אייך אין זינען, — האָט זי איהר קאַלט אָפּגע־ענטפערט, — אז די דאַמע אין שלייער עקזיסטירט אין גאַנצען ניט. בלויז נאַראָנים און פארשטאָפּטע קעפּ קענען גלויבען אין אזוינע נאַרישקייטען. איך בין ניט די טאָכטער פון עפּעס א שאָטען, און מיין מוטער איז פונקט פון אזא גוטען שטאַנד ווי מיין פאָטער.

דיאַנאַ האָט איהר אין גאַנצען ניט געענטפערט: זי האָט געשוויגען. איהר פאָטער איז געקומען און איהר געזאָגט, אז זי זאָל זיך גרייטען אין וועג אריין. מארקיז דע פיקטראַדיו האָט זיי העפליך איינגעלאַדען צו מיטאַגען מיט איהם. דעם מארקיז'ס ניי־הויז האָט זיך געפונען ניט ווייט פון דאַנען. פון צייט צו צייט איז מארקיז פיקטאַרדיו געגאַנגען שפּאַצירען איבער די

רואינען פון שלאס, און היינט, ווען ער איז צופעליג אהין אריינ־
געגאנגען און האט באמערקט, אז אן אומגליקליכען צופאל. האט
פארהאלטען די דאזיגע מענשען אין שלאס, איז ער געווען
זעהר ערעל און גאסטפריינדליך צו זיי.

אין דער שטיל האט פלאשארדע פארגעלייגט דיאנא'ן, אז
זי זאל איבערבייטען איהרע קליידער, איידער ער פארפאקט די
קופערטען, אבער דיאנא איז געווען זעהר טאקטיש. זי האט
קלאר געזעהן, אז בלאנש דע פיקטארדיו האט איהר מקנא גע־
ווען איהר פשוט'ן רייזע אנצוג און זי האט ניט געוואלט זיך
ווייזען פאר איהר נאך מעהר אויסגעפוצט. זי האט געבעטען
דעם פאטער צו ערלויבען איהר בלייבען אין די קליידער, וואס
זי האט געטראגען, זי האט אפילו נאך אויסגעטאן איהר בראש־
קע וואס איז געווען צוגעשפילעט צו איהר שווארצען סאמעטע־
נעם קראגענדעל.

ווען די קארעטע איז געווען איינגעשפאנט, האט דער מאר־
קיז און זיין טאכטער זיך אריינגעזעצט אין איהר צוזאמען מיט
פלאשארדע און דיאנא'ן, און אין גיכען זענען זיי געווען ביים
נייעם הויז.

דאס איז געווען א קליינע פארם: דער פאמיליען־הערב
איז געווען אנגעקלאפט אן דעם טויבענשלאג און דאס הויז אין
וועלכען דער מארקיז האט געוואוינט איז געווען א געוועהנליך
הויז. דער מארקיז איז געווען א וואוילער, אבער באשרענקטער
מענש, ווייניג געבילדעט, כאטש גוט ערצויגען. ער איז געווען
גאסטפריינדליך און פרום, אבער איהם איז געווען שווער צו
האלטען זיך פאר איינעם פון די פילע אומבאדייטענדע גוט־
באזיצער פון דעם געגענד, ער האט אלץ זיך געהאלטען אין
באריהמען דערמיט, וואס לויט'ן געבורט שטעהט ער פיל העכ־
ער, ווי פילע גאנץ באדייטענדע גוטבאזיצער פון זשעוואדאן.
דער מארקיז האט צו קיינעם ניט געהאט קיין אומפריינד־

ליך געפיהל און איהם האט אויסגעוויזען גאנץ פארשטענדליך. וואס עפעס א מאלער איז רייך געווארען א דאנק זיין ארבייט. ער האט ארויסגעוויזען פיל אכטונג צו פלאשארדע, ווייל ער האט פיל געהערט וועגען איהם: ער האט איהם אויפגענומען אויפ'ן פיינסטען אופן, אבער ער האט זיך ניט געקענט איינ־האלטען ניט צו אנטשולדיגען זיך יעדע רגע וואס ביי איהם פעהלט לוקסוס און דערביי צוגעלייגט, אז אין דער היינטיגער וועלט רופט ניט ארויס קיין אכטונג דער פאראַרעמטער אדעל.

מען קען ניט זאגען, אז ער איז געווען אומאנגענעהם. איהם איז געווען אומעטיג און שטענדיג האט ער געזוכט זיך צו דער־לייכטערען, אבער ער איז ניט געווען טאקטיש פון זיין זייט. וואס ער האט פאר זיין קליינער טאכטער שטענדיג גערעדט וועגען זיין לאגע. די קליינע בלאנש איז געבארען געווארען שטאלץ און ניידיש. עס איז באמת געווען א שאד, וואס איהר הארץ איז שוין געווען פארביטערט, ווארום זי האט דאך געקענט זיין א גוט און גליקליך מיידעל, ווי אלע איבעריגע, ווען זי זאל זיך קענען באנוגנען מיט איהר שיקזאל. איהר פאטער איז געווען זעהר גוט צו איהר און אין אמת'ן האט זי אויסער לוקסוס, גע־האט אלץ, וואס זי האט געדארפט.

דער מיטאג איז געווען זעהר א גוטער. דערלאנגט דאס עסען האט א דיקע פויערטע, בלאנש'ס געוועזענע אם, די איינ־ציגע דינסט אין הויז.

מען האט גערעדט וועגען פארשידענע זאכען, וואס האבען ניט אינטערעסירט דיאנאנ'ן. אבער ווען מען האט אנגעהויבען צו רעדען וועגען דעם אלטען שלאס, וועמען זי האט ניט ווי־לענדיגערהייט פארלאזען, איז זי געווארען זעהר וואכיג און מיט אלע גלידער זיך איינגעהערט.

איהר פאטער האט אזוי געזאגט צום מארקיז:

— מיך וואונדערט, הערענדיג ווי איהר באקלאגט זיך

אויף אייער עקאנאמישער לאגע, פארוואס איהר האט אזוי פאר־לאזען די אלע קונסטפולע זאכען פון שלאס. פון וועלכע איהר האט געקענט האבען פיל נוצען.

— איז אין מיין שלאס נאך פאראן קונסטפולע זאכען?

— האט געפרעגט דער מארקיז.

— זיי זענען געווען אזוי לאנג ווי די דעכער זענען נים אין גאנצען חרוב געווארען. איך האב געזעהן פיל איבערבליי־בעכץ פון אנטיקע קונסטווערק, וועלכע וואלטען, ווען זיי זאלען נים פארניכטעט ווערען, געקענט אוועקגעשיקט ווערען נאך איטא־ליען, וואו עס לעבט נאך דער געשמאק נאך אנטיקער קונסט.

— יא, — האט געענטפערט דער מארקיז, — איך וויים. אז ווען איך זאל האבען אביסעל געלט, וואלט איך נאך געקענט עפעס רעטען, אבער איך האב די סומע געלט נים געהאט. מען האט געדארפט איינלאדען א קינסטלער, וואס זאל אויסקלייבען און אפשאצען די זאכען: דערנאך דאס איינפאקען און איבער־שיקען זיי און א מענש, וואס זאל מיט זיי פאהרען און אויף וועלכען מען זאל זיך קענען פארטרויען... איהר פארשטעהט דאך, אז איך קען זיך נים פארנעמען מיט האנדעל.

— האט זיך אבער נים געפונען אין דער גאנצער געגענד א מענש, וואס זאל וועלען קויפען א טעפיך אדער א סטאטוע?

— קיין איינער נים. די היינטיגע נגידים פאראכטען אל דאס אלטע. זיי געהען נאך דער מאדע, און היינט זענען אין דער מאדע כינעזישע ארבייטען. קיינער וויל שוין איצט נים קיין נימפען און מוזען. וואס איז אייער מיינונג וועגען דעם היינטיגען געשמאק?

— איך האב נים קיין שלעכטע מיינונג וועגען דער מאדע.

— האט געענטפערט פלאשארדע. — מיין לאגע מאכט מיך צו זיין א בלינדער קנעכט פון דער מאדע. דאך בייט זיך אפט

דער געשמאַק און עס קען פּאַסירען, אַז מען זאָל ווידער זיך צוריקקערען צו דער אַמאָליגער קונסט. אויב איהר האָט אָפּ־געהיט געוויסע באַפּוצונגען פון אייער שלאָס, היט זיי אָפּ ווייטער, מעגליך, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען זיי וועלען האָבען אַ געוויסען ווערט.

— איך האָב גאָרניט באַהאַלטען, — האָט געענטפערט דער מאַרקיז. — ווען איך בין געבאָרען געוואָרען האָט מיין פאָטער פון ערגערניש און אויך פון שטאָלץ געלאָזען אַלץ געהן פאַרלאָרען. קיין זאַך האָט איהם ניט געקענט באַוועגען צו פאַרקויפען אפילו אַ שטיין פון שלאָס, און ערשט דאַמאָלסט האָט ער פאַרלאָזען דעם שלאָס, ווען אַלץ האָט געהאַלטען אין צוזאַמענפאַלען. איך בין שוין מעהר באַשיידען און וואַרף זיך גיכער אונטער אונטער'ן שיקזאַל, דערפאַר האָב איך זיך אַריי־בערגעקליבען אין אַט דער קליינער פאַרם: דאָס איז דאָס איינ־ציגע, וואָס עס איז ביי מיר פאַרבליבען פון אַלע אונזערע אומ־געהייער גרויסע גיטער.

דיאַנאַ האָט זיך באַמיהט צו פאַרשטעהן דאָס, וואָס זי האָט געהערט און איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי פאַרשטעהט: זי האָט געקראָגען געוויסענס־ביסע. זי האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ הויפען פאַרשידענפאַרביגע שטיינדלעך, וואָס זי האָט צוזאַמענגעקליבען אין שלאָס און אָפּגעבענדיג זיי דעם פאָ־טער, האָט זי געזאָגט:

— פּאַפּאַ, דאָס האָב איך גענומען פון גאָרטען. איך האָב געמיינט, אַז דאָס זענען פּשוט'ע שטיינדלעך, אָבער אַזוי ווי דו זאָגסט, אַז אין שלאָס זענען פאַראַן פיל ווערטפולע זאַכען, דאַרף מען דעם הער מאַרקיז אָפּגעבען די שטיינדלעך, וואָס באַלאַנגען צו איהם: איך וויל זיי ניט צוגנב'ענען.

דער מאַרקיז איז געווען געריהרט פון דיאַנאַ'ס עהרליכ־

קייט און גוטסקייט און, ארייגלייענדיג צוריק אין דער מיי־דעל׳ס האנט די שטיקלעך מאזאאיק, האט ער געזאגט:

באהאלט דאס אייך אלס אן אנדענקונג פון אונז, איך באַ־דויער זעהר, מיין ליבע קינד, אז דאס זענען ווערטלאזע שטיק־לעך גלאז און מארמאר. איך וואלט געוואלט אייך קענען שענ־קען עפעס ווערטפולעס.

דיאנא האט ניט געוואלט צוריק נעמען די זאכען, וואס מען האט איהר אזוי פריינדליך פארגעלייגט. ארויסשלעפענדיג אין איילעניש אלץ, וואס עס איז געלעגען אין איהר קעשענע, האט זי אויך ארויסגעשלעפט די שפילקע: זי האט געקוקט אויף איהר פאטער, אנצייגענדיג איהם אויף בלאנש, וועלכע, פון איהר זייט, האט מיט קנאה געקוקט אויף דער בראשקע און מיט די אויגען זי פשוט אויפגעפרעסען. פלאשארדע האט פאר־שטאנען דעם ערהאבענעם אבזיכט פון זיין טאכטער און, גע־בענדיג די בראשקע צו מאדמואזעל דע פיקטארדיו, האט ער גע־זאגט:

— דיאנא בעט אייך צו נעמען די דאזיגע בראשקע פאר די גוטע שטיינדלעך און אלס אן אנדענקונג פון איהר.

בלאנש איז רויט געווארען איבער די אויערען. זי איז גע־ווען צו שטאלץ צונעמען גלייך א מתנה, אבער דער פארלאנג צו באזיצען די דאזיגע שעהנע בראשקע האט געמאכט קלאפען איהר הארץ.

— מיט אייער אנטזאגען זיך פארשאפט איהר פיל קרענקונג מיין טאכטער, — האט געזאגט פלאשארדע.

בלאנש האט מיט אימפעט א כאפ געטאן די בראשקע און ארויסגעלאפען פון צימער, זי האט כמעט ווי ניט געדאנקט פאר דער מתנה, ווייל זי האט מורא געהאט, אז איהר פאטער וועט איהר ניט ערלויבען צו נעמען דעם געשאנק.

מעגליך, אז ער וואלט עס געטאן, ווען ער זאל זיין זיכער,

אז זי וועט איהם פאלגען: אבער קענענדיג זיין טאכטער, האט ער ניט געוואלט אז פרעמדע מענשען זאלען בייוואוינען אז אומ־אנגענעהמע סצענע. ער האט זיך אנטשולדיגט פאר די ווילדע מאנירען פון זיין טאכטער און באדאנקט שטאט איהר.

ווען דער מיטאג האט זיך געענדיגט, האט זיך פלאשארדע געזעגענט מיט'ן מארקיז, ווייל ער האט ניט געוואלט אנווערען דעם צווייטען האלבען טאג און איהם איינגעלאדען, אז אויב איהם וועט אמאל אויסקומען צו זיין אין זידען, זאל ער איהם באעהרען מיט זיין באזוך. דער מארקיז האט איהם באדאנקט פאר די אנגענעמע מינוטען, וואס זיי האבען פארבראכט צוזא־מען. זיי האבען זיך דערלאנגט די הענט. בלאנש, וועמען דער פאטער האט אריינגערופען, איז ניט גערן אריינגעקומען און קאלט זיך צוקושט מיט דיאנא'ן. זי האט שוין געהאט אנגעטאן די בראשקע און האט זי געהאלטען פארשטעלט מיט דער האנט. אזוי ווי זי וואלט מורא געהאט, אז מען וועט זי ביי איהר אפ־נעמען. ביי זיך אין הארצען, האט דיאנא זי אנגערופען א נאריש מיידעל, אבער זי האט איהר אלץ מוחל געווען צוליב דעם גוטען מארקיז, וועלכער האט געהייסען אנפילען א רייזע קארב מיט די בעסטע געבעקסען און פרוכטען.

IV.

דער קליינער באקכוס.

די איבעריגע רייזע איז פאראיבער אהן צופאלען.

דיאנא האט מעהר ניט געליטען פונ'ם פיבער: זי האט צוריקגעקראגען דעם פריהערדיגען קאליר פון פנים. פלאשארדע האט זי איבערגעגעבען אין די ארעמס פון דער שטיף־מוטער. זאגענדיג: „איך האב זי אהיימגעבראכט דערפאר, ווייל זי איז געווען קראנק. מיר דאכט, אז זי האט זיך געבעסערט, אבער יעדענפאלס דארף מען זי אפהיטען, אז זי זאל ווידער ניט קראנק ווערען".

דיאנא איז געווען אזוי צופרידען, וואס זי האט זיך ענדליך געפונען ביי איהרע עלטערען, אז זי איז עטליכע טעג כסדר געווען ווי שכור. מאדאם פלאשארדע איז אויך געווען צופרידען און אייניגע טעג האט זי זיך פארנומען מיט איהר. עס האט אויסגעזעהן, אז זי האט זעהר ליעב דיאנאן'ן. זי האט איהר געגעבען פיל קליינע מתנות און געשפילט זיך מיט איהר, ווי מיט א שעהנער פופע. דיאנא האט ערלויבט זיך צו פוצען און האט דערביי ניט ארויסגעוויזען קיין סימן פון אומצופרידענהייט. אבער זי האט זיך זעהר געלאנגווייליגט. זי האט דערשטיקט אין זיך דאס געגעצען און איז בלייך געווארען. ווען זי האט זיך געדארפט שטעלען פאר'ן שפיגעל און אנמעסטען אלערליי שמאר־טעס. איהר איז געווען דערווידער איהר שטיפמוטערס געשמאק. און ווען זי האט פראבירט זיך אנצוטאן פשוט, לויט איהר איי־

געגעם געשמאַק, האָט זי דערמיט אַרויסגערופֿען זידלערייען פֿון איהר שטיפֿמוטער, ווי זי וואָלט באַגאַנגען, גאָט ווייס ס'אַרא פֿאַרברעכען. זי האָט זיך געוואָלט פֿאַרנעמען מיט עפּעס אַנ־דערש, זי האָט זיך געוואָלט לערנען. זי האָט וועגען פֿילעס גע־פֿרעגט, אָבער מאַדאַם פֿלאַשאַרדע האָט געפֿונען די אַלע פֿראַגען פֿאַר נאַריש, פֿאַר ניט אַם פּלאַץ און זי האָט געהאַלטען פֿאַר איבריג דיאַנאַ'ס אינטערעס אין וויכטיגע אַנגעלעגענהייטען. דיאַנאַ האָט געמוזט באַהאַלטען פֿון איהר איהר פֿאַרלאַנג צו לערנען זיך מאַלעריי. לאַורא פֿלאַשאַרדע האָט גע'חלומ'ט פֿון דער צייט, ווען איהר מאַן וועט רייך ווערען און אין זייער הויז וועט פֿון דער מאַלעריי ניט פֿאַרבלייבען קיין סימן, און זי וועט קענען שפּילען די ראָלע פֿון אַ גאַנצע פּריצ'טע.

דיאַנאַ האָט אָנגעהויבען גאַנץ ערנסט צו לאַנגווייליען זיך און זי האָט באַדויערט, וואָס זי האָט פֿאַרלאָזען דעם קלויסטער, וועלכען זי האָט גאַרניט אַזוי ליעב געהאַט, אָבער וואו איהר צייט איז ניט אַוועק אויף די אַלע נאַרישקייטען. זי איז ווי־דעראַמאָל געוואָרען בלייך, איהר טראָט איז געוואָרען לאַנג־זאַמער און זי האָט ווידער אַלע צווייטען אָבענט באַקומען פֿיבער, וואָס האָט אָנגעהאַלטען ביז אין דער פֿריה.

לאַורא'ן האָט דיאַנאַ'ס צושטאַנד באַאומרוהיגט שוין אַבי־סעל צופֿיל, זי האָט גענומען מאַטערן דאָס קינד, צווינגען זי צו נעמען אַלערליי מעדיצינען, וועלכע עס האָבען איהר געראַטען די שכנה דאַמען, וואָס פֿלעגען זי באַזוכען. אַלע טאָג זענען ער־פֿונדען געוואָרען נייע מיטלען געגען פֿיבער. דאָס מיידעל האָט זיך געהאַלטען אין איין אונטערוואַרפֿען צו דעם אַלעם און באַ־מיהט זיך צו באַרוהיגען איהרע עלטערען, זאָגענדיג זיי, אַז זי איז געזונט און ליידט גאַרנישט ניט.

פֿלאַשאַרדע האָט געליטען מעהר פֿון זיין טאָכטערס צוש־טאַנד, ווי זיין ווייב, כאָטש ער האָט ניט געטומעלט אַזוי ווי זי.

זייענדיג געצוואונגען צו ארבייטען גאנצע טעג, האָט ער די אבענטען פארבראכט ביי זיין טאָכטערס בעטל: הערענדיג, ווי זי רעדט פון היץ, האָט ער מורא געהאט, אז זי זאָל ניט אראָפּ פון זינען.

צו זיין גליק, האָט ער געהאט א פריינד, א גוטען, ער־פארענעם ארצט, וואס האָט פארשטאַנען מעהר פון זיי ביידען. ער האָט גוט געקענט מאדאם פלאַשאַרדע און ער האָט באַאָב־אַכט, ווי זי באהאנדעלט דאס קינד. איינמאָל האָט ער געזאָגט צום מאַלער:

— מען דארף דאָס קינד לאָזען צורוה, מען דארף ארויס־ווארפען די אלע פּילען און געבען בלויז די, וואס איך וועל פארשרייבען, און ניט געגענשטעלען זיך איהרע נייגונגען, שוין פּשוט דערפאר, וואס זיי זענען גאנץ פארנינפטיגע. זעהט איהר דען ניט אליין, אז דאס צווינגען איהר ארום געהן ליידיג, העלפט איהר ניט, נאָר פארקעהרט, מאַכט איהר נאָך קראנקער? איהר איז לאנגווייליג, דארף מען איהר לאָזען טאָן וואס זי וויל, און אויב זי וועט ארויסווייזען א נייגונג צו עפּעס, דארפט איהר באהילפיג איהר זיין אין דעם: דער עיקר מאַכט ניט פון איהר קיין פּופּע, דאָס פארשאַפט איהר ניט קיין פארגעניגען, דאָס פארמאַטערט זי. לאָזט איבער איהר טאַליע און איהרע האָר, ווי זיי זענען, און אויב אייער פרוי ליידט דערפון, זעהט, אז זי זאָל זיך פארנעמען מיט עפּעס אנדערש און פארגעסען אין גאנ־צען אָן דיאנאַ׳ן.

פלאַשארדע האָט איהם פארשטאַנען, אבער וויסענדיג, אז עס איז שווער איבערצוצייגען זיין פרוי, האָט ער זיך באַמיהט אָפּצוציהען איהר אויפמערקזאמקייט פון קינד. ער האָט זי פארזיכערט, אז דעם קינד איז גאָרניט, און ער האָט איהר גע־ראָטען ווידער אנהויבען איהר פריהערדיג לעבען, א לעבען פון וויזיטען, שפּאַצירונגען, בעלער. עס איז איהם געווען לייכט

איבערצורעדען זיין ווייב. דיאנא איז געווארען פריי, און איהר אם, וואס האט גענומען אכטונג געבען פון איצט אן אויף איהר, האט איהר איז גארנישט ניט געשטערט.

דיאנא האט געבעטען און באקומען די ערלויבעניש פון איהר פאטער צו באזוכען זיין אטעליע אין דער צייט פון זיין אר־בייט: זי פלעגט זיך זעצען אין איהר ווינקעל, א שטילע זיך צוקוקען צום לייוועגט, צום מאדעל. זי האט שוין מעהר ניט פרובירט פארשמירען פאפיר און דערמיט ערלויבען צו לאכען פון זיך. זי האט איצט פארשטאנען, אז מאלעריי איז קונסט, און אז מען דארף עס שטודירען אום עס צו קענען עררייכען.

איהר פארלאנג צו שטודירען מאלעריי איז געווארען ביי איהר אזוי שטארק, אז דאס איז געווען איהר איינציגער באגעהר. אבער זי האט וועגען דעם מעהר צו קיינעם ניט גערעדט, מורא האבענדיג, אז איהר פאטער וועט איהר ענטפערען, וואס ער האט איהר שוין אמאל געענטפערט, אז זי האט קיין שום פעהיג־קייטען ניט, און אז איהר שטיפמוטער וועט זיך געגענשטעלען געגען איהר פארלאנג.

אבער פלאשארדע האט זיך איהר ניט געגענגעשטעלט. אזוי. ווי דער אלטער ארצט פערעאן האט איהם געראטען נאכצוגעבען אלע איהרע נייגונגען, האט ער איהר פארשאפט פארשידענע בליישטיפטען און פאפיר, ווען זי האט איהם ווידערהאלט איהר אלטען פארלאנג צו מאהלען פארטרעטען. אבער דיאנא האט זיך ניט באנוצט מיט זיי: זי האט בלויז געקוקט אויף די ארבייטען פון איהר פאטער און גע׳חלום׳ט.

זי האט אפטמאל געטראכט וועגען דעם שלאס פיקטארדיו: אזוי ווי זי האט געהערט אויף וועלכען ארט איהר פאטער רעדט וועגען די רואינען פון שלאס, אין וועלכע עס איז איהם אויס־געקומען איבערצונעכטיגען א נאכט, האט זי שוין מעהר ניט געוואגט צו גלויבען אין דעם אלעם, וואס די נימף אין שלייער

האט איהר באוויזען. זי האט באדויערט, וואס זי האט דאס אלץ געזעהן ניט קלאר, אפשר גאר אין היץ און זי האט געגארט, אז אויב דאס איז געווען א חלום, זאל ער זיך איהר נאכאמאל חלומ'ען. אבער דו קענסט ניט זעהן אין חלום דאס, וואס דיר וואלט זיך וועלען און די נימפ פון דיאנא'ס באדע־צימער האט איהר מעהר ניט איינגעלאדען.

איינמאל, ווען זי האט געבראכט אין ארדנונג איהרע שפיל־צייג, האט זי געפונען די שטיינדלעך, וואס זי האט צוזאמענ־געקליבען אין גארטען פון שלאס פיקטארדיו. צווישען זיי איז געווען א רונדער באל פון פארטריקענטען זאמד, גרויס ווי א סוס, זי האט איהם געוואלט באנוצען פאר א ביליארד באל. אבער ווען זי האט איהם געווארפען, האט זי באמערקט, אז דער זאמד שפרינגט אב און עס באוויזט זיך א רונדיג שטיק מארמאר: עס איז מעהר געווען אוואל, ווי רונדיג. דיאנא האט עס גענו־מען באטראכטען און זי האט באמערקט, אז דאס איז א קליין קעפעל פון עפעס א סטאטוע, וואס האט פארגעשטעלט א קינד. דאס קעפעל איז געווען אזוי שעהן, אז זי האט זיך ניט געקענט געניג אנקוקען אויף איהם, זי האט עס געהאלטען אין איין דרע־הען אויף אלע זייטען, אט האט זי עס געשטעלט אונטער דער זון, אט אין שאטען און שטענדיג ענדעקט אין דעם קעפעל נייע שעהנהייטען. א שעה צייט איז זי איז גאנצען געווען פארנומען מיט'ן קעפעל. דער דאקטאר איז שטיל ארייגעקומען אין שטוב אריין און באאבאכטענדיג זי, האט ער מיט א פריינדליכער שטימע געפרעגט:

— וואס באקוקסטו מיט אזא פארגעניגען, ליעבע דיאנא?

— איך וויים ניט, — האט זי געענטפערט ווערענדיג רויט, — גיט אליין א קוק, ליעבער פריינד: מיר דאכט זיך, אז דאס איז ס'געזיכט פון קליינעם קופידאן.

— ס'איז מעהר עהרליך אויף באקכוס קאפ, וויייל אויף די

האר איז דא א ווייַנטרויב־צווייג. וואו האסטו עס געפונען?

— צווישען זאמד און שטיינער אין יענעם אלטען שלאס. פון וועלכען פאפא האט נאך נעכטען אייך דערצעהלט.

ווייז עס מיר! — האט געזאגט דער דאקטאר אנטאַ־ענדיג זיך די ברילען. — דאס קעפעל איז זעהר שעהן, ס'איז אן אנטיק!

— דאס הייסט, א זאך וואס איז איצט ניט אין דער מאָ־דע? מאמע זאגט, אז אלץ אנטיקע איז העסליך.

— ביי מיר איז פונקט פארקעהרט, מיר געפעלען ניט די זאכען, וואס זענען אין מאָדע.

אין דעם מאָמענט איז אנגעקומען פלאַשאַרדע. ער האט נאר וואס געהאט געענדיגט אן ארבייט און איידער ער האט זיך גענומען צו דער צווייטער, איז ער אריינגעגאנגען צו באגרי־סען זיך מיט'ן דאקטאר און איהם פרעגען, וואס עס מאכט זיין טאכטער.

— איך מיין, אז זי איז געזונט, — האט געענטפערט פעי־ראן — און פארשטענדליכער פון אייך, ווייל זי באוואונדערט א שטיקעל פון אן אנטיקער סטאטוע, איהר וועט פון דעם זיכער ניט באגייסטערט ווערען.

אויסהערענדיג, ווי אזוי דאס קומט צו דיאנא'ן, האט פלאַ־שאַרדע עס גלייכגילטיג א ווארף געטאן אויפ'ן טיש און גע־זאגט:

— עס איז ניט געמאכט ערגער, ווי די אלע זאכען פון יע־נער צייט, אבער עס איז נאך א פראגע צי עס איז אן אלטע זאך. איך קען וועגען דעם ניט אורטיילען, ווי איהר, וואס האט ליידענשאפטליך ליעב אלעם אלטע. מיר פעהלט אייער געלער־זאמקייט און אייער וויסען, ליעבער דאקטאר, אבער די דאזיגע שטיקלעך זענען אזוי אפגעריבען, אזוי פארמלאזן, אז איהר קוקט אפט אויף זיי מיט אויגען פון גלויבען. איך בין זיך מודה,

אז איך קען זיך ניט אזוי באציהען צו זיי און אז די אלע כלומרשט'ע מוסטערען פון דער גריכישער און רוימישער קונסט. מאכען אויף מיר איין איינדרוק פון דיאנא'ס פופע. ווען ביי איהר ווערט צעבראכען די נאז און צוקראצט די באקען.

— ווי אומהעפליך. — האט בייז אויסגעשריען דער דאקטאר, — איהר וואגט צו פארגלייכען... הערט זיך איין, איהר זייט דאך בלויז אן אויבערפלעכליכער מאלער. איהר פארשטעהט בלויז אין שפיצען און אין מופען און איהר פארדעכטיגט אפילו ניט, וואס עס הייסט לעבען.

פלאשארדע איז שוין געווען צוגעוועהנט צו די שארפע רייד פון דאקטאר. לאכענדיגערהייט האט ער זיך צו איהם איינגעהערט, און ווען דער לאקיי האט איהם געלאזען וויסען, אז מען ווארט אויף איהם, איז ער ארויס פון צימער לאכענדיגערהייט.

— איהר זייט היינט אין א שלעכטער שטימונג, — האט געזאגט די באליידיגטע דיאנא צום דאקטאר, — פאפא איז א גרויסער קינסטלער, אלע זאגען דאס.

— דערפאר טאקע דארף ער ניט ריידען קיין נארישקייטען, — האט געענטפערט דער אויפגערעגטער דאקטאר.

— אויב דאס, וואס ער האט געזאגט איז ניט אמת, איז דאס דערפאר ווייל ער האט עס געזאגט אין שפאס.

— מסתמא! לאמיר וועגען דעם מעהר ניט רעדען, אבער דו... זאג, דיר געפעלט דאס קעפעל?

מיר געפעלט ער זעהר! דאס קעפעל איז זעהר שעהן!

— ווייסטו כאטש פארוואס?

— ניין.

— פרואוו צו זאגען פאר וואס.

— דאס קעפעל לאכט, איז יונג, איז פרעהליך, ס'איז ווי א קעפעל פון א לעבעדיג קינד.

— און דאך, דאס געשטאלט פון א גאט?

— יאָ, דעם גאָט פון ווייַן.

— אָבער דאָס איז דאָך ניט אַ געוועהנליך קינד? דער, וואָס האָט עס באַשאַפען, האָט געהאַט אין זינען, אַז דאָס דאָזיגע קינד דאַרף זייַן שטאַרקער און שטאָלצער, ווי יעדער אַנדער קינד. זעה, ווי די מוסקולען זענען צוגעפּעסטיגט צום האַלז, זעה די קראַפט און די הערליכקייט פון נאַקען, די ווילדע פריזור אויף דעם נידעריגען און ברייטען, אָבער, ניט קוקענדיג אויף דעם, איידעלען קאָפּ. אָבער איך רעד שוין מיט דיר צופיל, דו קענסט דאָס אַלץ ניט פאַרשטעהן.

— רעדט ווייטער, ליעבער פריינד, אפשר וועל איך עס פאַרשטעהן.

— ווערסטו ניט פאַרמאַטערט פון צופיל אָנשטרענגען דייַן אויפמערקזאַמקייט?

— פאַרקעהרט, דאָס באַרוהיגט מיך.

— אויב אַזוי, איז אַנדערש. ווייס, אַז די גריכישע קינסטלער האָבען געפּיהלט דאָס גרויסע און עס אויסגעדריקט אין די קלענסטע זאַכען. געדענקסט, אַז דו האָסט בייַ מיר געזעהן אַ קאָלעקציע פון סטאַטועלער?

— יאָ, איך געדענק עס זעהר גוט, ווי איך געדענק די בעסערע קאָלעקציעס, וואָס געפינען זיך אין שטאָדט, אָבער קיינער האָט מיר קיינמאָל גאָרנישט ניט ערקלערט.

קום אַמאָל אין דער פריה אַרייַן צו מיר און איך וועל דיר ערקלערען, ווי מיט די באַשרענקסטע מיטלען און קוים באַמערקטע פאָרמען, האָבען די דאָזיגע קינסטלער שטענדיג באַשאַפען עפּעס גרויסעס און פּראַכטפולעס. איך וועל דיר ווייזען רוימישע ביוסטען פון אַ שפּעטערער עפּאָכע. די רוימער זענען אויך געווען גרויסע קינסטלער! ווינציגער עדעל, ווינציגער ריין פון די גריכען, אָבער שטענדיג אמת׳דיג און פיהלענדיג דעם פּולס פון לעבען אומעטום, וואו ס׳איז דאָ באמת לעבען.

— איך פארשטעה שוין ניט! — האט זיפצענדיג געזאגט דיאנא, — אבער איך וואלט וועלען פארשטעהן, וואס איהר רופט אז לעבען.

— דאס איז זעהר לייכט צו פארשטעהן! דיין קלייד, דיינע שיך, דיין קאם, זענען זיי עס לעבעדיגע וועזענס אדער ניט?

— פארשטעהט זיך, אז ניט!

— מיין בליק, מיין שמייכעל, דער גרויסער קנייטש אויף מיין שטערען, איז דאס עפעס טויטעס?

— געוויס, ניט!

— אויב אזוי, אויב דו זעהסט א פארטרעט אדער א סטא־טוע, וועמעס פנים לעבט ניט, זיי זיכער, אז עס האט פונקט אזא ווערט ווי דיין פופע, און אז די אלע דעטאלען פון איהרע קליי־דער אדער באפוצונגען קענען זי ניט מאכען לעבעדיג. אט האלסטו א קאפ אהן א קערפער, שוין אויסגעריבען פון דער צייט, אבער עס לעבט, ווייל דער, וואס האט עס אויסגעהאקט פון דעם שטיקעל מארמאר, האט געוואלט און געקענט אין דעם אריינגעבען לעבען: פארשטעהסטו מיך איצט?

— מיר דאכט זיך, אז אביסעל פארשטעה איך אייך: אבער רעדט ווייטער.

— ניין, אויף היינט וועט עס זיין גענוג. מיר וועלען רעדען א צווייטען מאל. פארליר נאר ניט...

— דאס קעפעל? א, האט ניט קיין מורא. מיר געפעלט עס זעהר. איך האב עס באקומען פון דער, וואס איך וועל קיינמאל ניט פארגעסען.

— פון וועמען איז דאס?

— פון א דאמע... פון א דאמע... ניין, איך קען אייך וועגען דעם ניט דערצעהלען.

— האסט סודות?

— יא! איך וויל פון דעם ניט רעדען!

— מיר, דיין אלטע פריינד?

— איהר וועט ניט לאכען פון מיר?

— איך שווער דיר, אז ניט.

— אבער איהר וועט דאך זאגען, אז דאס איז געשעהן. ווען איך האב געהאט היץ?

— און אויב איך וועל עס זאגען?

— וועט עס מיר זעהר קרענקען.

— אויב אזוי, וועל איך עס ניט זאגען. דערצעהל.

דיאנא האט דערצעהלט וועגען די אלע וואונדערבארע זע־הונגען, וואס זי האט געהאט אין שלאס פיקטארדיו. דער דאק־טאר האט זיך איינגעהערט אהן א שמייכעל, און מאכענדיג זיך אז ער צווייפעלט ניט אין דעם אלעם. ער האט איהר אפילו מיט זיינע פראגען געהאלפען זיך קלערער אז אלץ דערמאנען און פארשטענדליכער איבערגעבען עס. פאר איהם איז דאס געווען אן אינטערעסאנטער מאטעריאל צו שטודירען די ווירקונג פון פיבער אויף דער איינבילדונגס־קראפט פון קינד, וואס איז גע־ווען גענייגט צו דיכטונג און, דערפאר, צו דאס שעהנע. ער האט ניט געפונען פאר נויטיג זי ארויסצופיהרען פון איהר פארפיה־רונג. ער האט זי איבערגעלאזען אין איהר פריהערדיגען צוויי־פעל, ניט וועלענדיג באשטעטיגען, אז דאס, וואס זי האט גע־זעהן און געהערט, איז פארגעקומען אין דער ווירקליכקייט. ער האט זיך געמאכט ווי ער וואלט אליין ניט געוואוסט, צי זי האט דאס אלץ געזעהן אין חלום צי ניט: און דאס, וואס ער האט זי איבערגעלאזען אין צווייפעל, האט איהר פארשאפט גרויס פאר־גניגען. אוועקגעהענדיג פון איהר, האט ער געזאגט צו זיך אליין:

— מענשען פארשטעהען אליין ניט, וויפיל זיי שאטען קינדער, ווען זיי לאכען פון זייערע נייגונגען און וויפיל צרות זיי פארשאפען זיי, ווען זיי לאזען ניט אנטוויקלען זייערע פע־

היגקייטען. דאס דאזיגע קינד איז א געבארענע קינסטלעריז און איהר פאטער האט אפילו קיין אהנונג ניט דערפון. זאל זי גאט אפהיטען, אז זי זאל זיך לערנען ביי איהם, ער וועט פאר־דארבען איהרע געפיהלען און אנטוויקלען אין איהר אן עקעל צו דער קונסט.

צום גליק פאר דיאנא'ן, איז איהר ווירדיגען פאטער אפילו ניט איינגעפאלען צו באוועגען זי צו ארבייטען, און זעהענדיג, ווי שוואך זי איז, האט ער איהר געלאזען טאן אלץ און ניט גע־געגעשטעלט זיך געגען איהרע נייגונגען און פארלאנגען. ניט איין איז דער פריה האט זי פארבראכט ביים דאקטאר, געקוקט און איבערגעקוקט זיין קאלעקציע פון אנטיקע ביוסטען, סטא־טוען, מעדאלען און גראווירען. ער איז געוועזן אן ערנסטער אמאטאר און א שטרענגער קריטיקער: ער האט איהר פיל ער־קלערט, און דאס איז געוועזן גענוג, אז דיאנא האט באקומען דעם פארלאנג צו קאפירען דאס, וואס זי האט ביי איהם געזעהן. זי האט פיל געצייכענט ביי איהם אין דער צייט, ווען ער איז געגאנגען צו זיינע קראנקע.

איך וואלט אייך געשאנט, קינדער, ווען איך זאל אייך זא־גען, אז זי האט גוט געצייכענט. זי איז געוועזן זעהר יונג און אהן וועמעס עס איז הילף, אבער זי האט געמאכט א באדייטענדען פארשריט — זי האט פארשטאנען, אז איהרע צייכנונגען זענען גארנישט ניט ווערט. אמאל האט זי זיך צופרידענגעשטעלט מיט אלץ, וואס ס'איז ארויסגעקומען פון אונטער איהר בלייי־פעדער. א דאנק איהר איינבילדונג און אומוויסענהייט האבען איהרע פארזעהענישען איהר אויסגעזעהן ווי פראכטפולע גע־שטאלטען און אין א לענגליכען קרייז מיט פיער גלייכע שטריי־כען פון אונטען, האט זי געזעהן א פערד אדער א באק. די דאזיגע אילוזיע איז צושטערט געווארען, און יעדעם מאל, ווען דער דאקטאר האט אויף איהר'ס א צייכנונג געזאגט: „יא,

ס'איז נים שלעכט", — האט זי צו זיך געזאגט: „נייז, עס איז שלעכט, איך זעה אליין, אז עס איז שלעכט". טיילמאל האט זיך איהר אויסגעדאכט, אז דער פיבער שטערט איהר גוט צו זעהן און זי האט אלץ געבעטען איהר פריינד אויסצוהיילען זי. בים־לעכווייז איז עס איהם געלונגען, און צייטענווייז, ווען זי האט זיך געפיהלט געזונט און פרעהליך, האט זי נים געפונען מעהר פאר נויטיג צו לערנען זיך צייכנען. זי האט פארוואָרפען איהרע בליישטיפטען און האט פארבראכט איהר צייט שפאצירענדיג אין גארטען און אין דארף מיט איהר אם; איהר האט פאר־נומען אלץ. וואס האט זי געשטארקט און אין די נעכט איז זי אויסגעצייכענט געשלאפען.

V.

דאָס פאַרלאָרענע געזיכט.

אין מאָנאַט מאַי האָבען זיי פארלאָזען די שטאָדט און אי־בערגעקליבען זיך אין דארף אריין. דיאנא'ן איז זעהר געפעלען געוואָרען אין דאָרף.

איינמאָל, ווען דיאנא האָט געקליבען פיילכען ביים זוים פון וועלדעל, וואָס האָט זיך געפונען צווישען איהר פאטערס גאַרטען און דעם גאָרטען פון זייער שכן, האָט זי דערהערט האַרט נעבען זיך צוויי שטימען, און קוקענדיג דורך די צווייגען, האָט זי באַמערקט איהר שטיפמוטער, וואָס האָט שפּאַצירט מיט דער שכנה, צו וועלכער זי איז געקומען צו גאַסט. זיי זענען געזעסען אויף דער באַנק.

דיאנא האָט געוואָלט צוגעהן און באַגריסען זיך מיט זיי, אָבער זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין פאַרלעגענהייט. זי האָט איהר ניט אויסגעמידען, אָבער לאורא איז געוואָרען אַזוי קאַלט און גלייכגילטיג צו איהר, אַז זי האָט ניט געוואוסט, צי עס וועט איהר פאַרשאַפען פאַרגעניגען, ווען זי וועט צוגעהן צו איהר. א ניט זיכערע און פאַראומערטע האָט זי זיך דערווייטערט פון זיי און ווידער גענומען קלייבען פיילכען, זי האָט ניט געוואָלט אוועקגעהן פון זיי אין גאַנצען, האָפענדיג, אַז מען וועט זי צו־רופען.

אַזוי ווי זי איז געווען איינגעבויגען אונטער די קוסטען, האָבען די דאַמען זי ניט באַמערקט: דיאנא האָט דערהערט, ווי לאורא האָט געזאָגט צו איהר פריינדין:

— איך האָב געמיינט, אַז זי וועט צוגעהן און באַגריסען זיך מיט אונז, אָבער זי האָט זיך דערוויטערט, אום עס ניט צו טאָן. ווי אומערצויגען איז דאָס אָרעמע מיידעל געוואָרען. זייט מען האָט מיר פאַרבאָטען צו פאַרנעמען זיך מיט איהר! אָבער וואָס קען מען זיך העלפען, טייערע? איהר פאָטער איז אַ כאַראַקטערלאָזער מענש און פאָלגט אין אַלץ דעם דאָקטאָר פער־ראַן, און דער דאָקטאָר איז עפּעס אַזאַ זאָנדערבאַרער גראָביאַן ער האָט באַפוילען ניט געבען דעם מיידעל קיין שום ערציהונג. אָט איז דער רעזולטאַט!

— ס'איז שאָד! — האָט געענטפערט די שכנה. — זי איז אַזאַ שעהן מיידעל און דער אויסדרוק פון איהר געזיכט איז אַזאַ מילדער, אַזאַ צאַרטער. איך זעה זי אָפט אַרומגעהן אַרום מיינע בלומען, זי ריהרט זיך ניט צו צו זיי און באַגריסט מיך אַזוי העפליך, ווען זי באַמערקט מיך נאָר. ווען זי זאָל נאָר האָבען בע־סערע מאַנירען, וואָלט זי געווען זעהר אַ וואויל קינד.

— וואָס רעדט איהר! שטעלט זיך פאָר, מיין טייערע, אַז דער אַלטער דאָקטאָר האָט איהר פאַרבאָטען צו טראָגען אַ קאָרסעט! אפילו קיין איינציג ביינדעל ניט אַרום דער טאַליע! זי וועט דאָך ווערען אַ הויקער!

— ניין, זי איז קיין הויקער ניט, פאַרקערט, זי איז זעהר גוט געבויט: מען קען זי אַנטאָן, ניט איינציהענדיג זי, און אַבי־סעל באַפּוצען איהרע קליידלעך.

— דאָס וויל זי ניט! זי האָט פיינט באַפּוצונגען. זי איז עהנליך אויף איהר מוטער, וואָס איז געווען אַ פּראָסטע פרוי און האָט זיך מעהר פאַרנומען מיט דער ווירטשאַפט, ווי מיט איהר אויסערליכען אויסזעהן און מאַנירען.

— איך האָב געקענט איהר מוטער, — האָט געענטפערט די שכנה, — איך פאַרזיכער אייך, אַז דאָס איז געווען אַ קלוגע, גוטע און ערצויגענע פרוי.

— מעגליך. איך זאג, וואס איך האב געהערט. מיין מאן האט ערגעץ איהר פארטרעט. ער האט איהם מיר קיינמאל ניט געוויזען. ער וויל ניט, אז איך זאל מיט איהם רעדען וועגען איהר. אין אמת'ן איז מיר אלץ איינס. זאלען זיי ערציהען דאס קינד, ווי זיי ווילען נאר. איך וואלט זי ליעב באקומען. ווען מען זאל מיר איבערגעבען איהר ערציהונג.

— איז זי דען אומאנגענעם און שלעכט?

— ניין, מיין טייערע, זי איז נאר ערגער: זי איז נאריש. צוטראגען: מיר דאכט זיך אפילו, אז זי איז פשוט א גולם.

— ארעם קינד! לערענט מען איהר גארנישט?

— אבסאלוט גארנישט! זי קען זיך אפילו ניט צושפילען א בענדעל אדער ארייננשטעקען א בלום אין די האר.

— מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז זי האט ליעב צו צייכנען.

— יא, זי האט ליעב, אבער מיין מאן זאגט, אז זי האט קיין געשמאק ניט און אז זי פארשטעהט גארנישט אין מאלעריי, אזוי, ווי זי פארשטעהט גארנישט ניט אין אלעם איבריגען...

דיאנא האט שוין ניט געוואלט מעהר הערען. זי האט פארשטעקט איהרע אויערען מיט די הענט און אנטלאפען אין דער טיפעניש פון וואלד, אז מען זאל ניט באמערקען איהרע טרערען. א טיפער טרויער האט ארומגענומען איהר הארץ, איהר איז געווארען שווער, כאטש זי האט ניט געוואוסט פאר וואס. האט זי זיך באליידיגט דערפאר, וואס מען האט זי געהאלטען פאר אזא נאר, האט זי אנגעווארען איהר מוט דערפאר, וואס איהר פאטער האט זי געהאלטען פאר אונפעהיג? אדער, אפשר האט איהר געערגערט די ענדעקונג, אז מען האט זי ניט ליעב?

— פאפא האט מיך פארט ליעב,—האט זי געטראכט ביי

זיך, — איך בין אין דעם זיכער. אויב ער רעכענט מיך פאר א נארישע און אומפעהיגע... דאס איז מעגליך, אבער דאס מאכט איהם ניט מיך ווינציגער ליעב צו האבען. אט מאמא לאורא האסט מיך און אינטערעסירט זיך ניט מיט מיר.

ביז איצט האט זיך דיאנא מיט אלע כוחות באמיהט ליעב צו קריגען איהר שטיפמוטער. אין דעם מאמענט האט זי דער־פיהלט, אז זי איז גארנישט ניט פאר איהר, און צום ערשטען מאל פארטראכט זיך וועגען איהר אמת'ר מוטער: זי האט זיך באמיהט צו דערמאנען זיך די מוטער: דאס איז געווען אומ־מעגליך, זי איז נאך געלעגען אין דער וויג, ווען איהר מוטער איז געשטארבען. קוים־קוים וואס זי האט געדענקט איהר פא־טערס חתונה: זי האט בלויז באמערקט, אז איהר אם איז גע־ווען טרויעריג. זי האט זיך אויך דערמאנט, ווי די אם, קוקענ־דיג אויף איהר, האט געזאגט:

— ארעם פייגעלע! דאס וועט זיין אן אומגליק פאר דיר.

לאורא האט זי געקושט און געגעבען קאנפעקטען. דאס מיידעל האט זיך מעהר ניט אומגעקוקט אויפ'ן טרויער פון דער אם. ערשט איצט, ווען זי האט געהערט די גיפטיגע רייד פון דער שטיפמוטער וועגען זיך און וועגען איהר פארשטארבענער מוטער, וועגען וועלכער קיינער האט מיט איהר קיינמאל ניט גערעדט, האט זי פארשטאנען דעם דאמאלסטדיגען טרויער פון דער אם. זי האט אנגעהויבען צו טראכטען וועגען דער מוטער מיט א ליידענשאפט, וואס זי האט נאך קיינמאל ניט געפיהלט און מיט א טיפען טרויער. זי האט ווי ענדעקט דאס דאזיגע געפיהל, וואס האט ביז איצט געדרימעלט אין דער טיפעניש פון איהר הארץ. זי איז געפאלען אויפ'ן גראז און מיט א שטי־מע, וואס איז אלע ווייל פון א יאמער איבערגעריסען געווארען, האט זי געהאלטען אין איין ווידערהאלען:

— מאמא, מאמא!

מיטאמאָל האָט זי דערהערט, ווי דורך די צווייגען פון א בליהענדען פעלידער בוים קלינגט א שטילע שטימע:

— דיאַנאַ, טייערע דיאַנאַ, קינד מיינס, וואו ביסטו?

— דאָ, דאָ, דאָ בין איך, — האָט אויסגעשריען דיאַנאַ צולויפענדיג, ווי א פאַריקטע.

אהן אויפהער האָט די שטימע זי גערופען, אַט פון איין זייט און אַט פון דער צווייטער. זי האָט זיך געאיילט צו באַגעגנען מיט דער, וואס האָט זי גערופען און מיטאמאָל האָט זי דערזעהן, אז זי געפינט זיך אין אן אומבאקאנטען ארט, ביים ברעג פון א גרויסען טייך. זי איז אריין אין וואסער און באַמערקט, אז זי זיצט אויף א דעלפין מיט זילבערנע אויגען און גאָלדענע פליגלעך. זי האָט מעהר ניט געטראכט וועגען דער מוטער און בלויז געקוקט אויף די סירענען, וואס האָבען געקליבען בלומען אין מיטען טייך. מיטאמאָל האָט זי זיך געפונען אויף דעם שפיץ פון א באַרג, וואו א גרויסע שניי־סטאטוע האָט צו איהר געזאָגט:

— איך בין דיין מוטער, קום צו מיר און גיב מיר א קוש.

— זי האָט זיך ניט געקענט ריהרען פון ארט, ווייל זי איז אויך פארוואנדעלט געוואָרען אין א שנייענער סטאטוע און צוּבראָכען זיך אין דער העלפט און געגומען זיך ארונטערקייקלען אין טאָל, וואו זי האָט ווידעראמאָל דערזעהן דעם שלאָס פיקטאָרדיו און די דאמע אין שלייער, וועלכע האָט מיט צייכענס געהייסען, אז זי זאָל איהר נאכפאָלגען. זי האָט געפּרואווט אויסשרייען: „ווייז מיר מיין מאמע!“ אבער די דאמע אין שלייער איז פאַרוואנדעלט געוואָרען אין א וואָלקען און דיאַנאַ האָט זיך אויפגעכאפט פון שלאָף פיהלענדיג א קוש אויפ'ן שטערען.

דאָס איז געווען איהר אַם, די גוטע זשאפרעטע, וואָס האָט זי אויפגעהויבען מיט די ווערטער: „איך זוך שוין אייך פון לאַנג“. די ערד איז נאָך פייכט, מען טאָר ניט שלאָפען אויפ'ן

גראַז. אַט איז אייער מיטאָג. הויבט־זשע זיך אויף, איהר וועט זיך נאָך פאַרקילען! קומט, זעצט זיך אויף דער זון!"

דיאַנאַ איז ניט געווען הונגעריג. זי איז געווען שרעקליך אויפגערעגט פון דעם, וואָס זי האָט געזעהן אין חלום, וועלכען זי האָט צוזאַמענגעמישט מיט די פריהערדיגע געשעהענישען. איינציגע מינוטען האָט זי ניט געקענט קומען צו זיך, דערנאָך האָט זי מיטאַמאָל געזאָגט זשאַפערט'ן:

— זאָג, וואו איז מיין מאַמאַ? ניט די איצטיגע מאַמאַ, ניין, ניט מאַמאַ לאַורא, נאָר די ריכטיגע, פריהערדיגע מאַמאַ?

— גאָט מיינער! — האָט פאַרוואונדערט, אויסגעשריען זשאַפערטע, — זי איז אין הימעל, איהר ווייסט דאָך דאָס!

— יאָ, דו האָסט עס מיר שוין אַמאָל געזאָגט! אָבער וואו איז דער הימעל? מיט וועלכען וועג קען מען אהין קומען?

— מיט'ן וועג פון חכמה, טעכטעריל מיינס, מיט'ן וועג פון גוטסקייט און אויסדויער, — האָט געענטפערט זשאַפערטע, וועלכע איז ניט געווען קיין נאַר, כאָטש זי האָט ווייניג גערעדט און בלויז דאַמאָלסט, ווען ס'איז נויטיג געווען.

דיאַנאַ האָט אַרונטערגעלאָזען דעם קאָפּ און פאַרטראַכט זיך.

— איך ווייס, אַז איך בין נאָך אַ קינד און בין נאָך נאַריש.

— איהר האָט גענוג שכל פאַר אייערע יאָהרען.

— אָבער אין מיינע יאָהרען איז מען נאַריש און לאַנגווייליג, ניט אמת?

— פאַרוואָס רעדט איהר אַזוי? איז דען מיר לאַנגווייליג מיט אייך? אייער פאָטער פאַרגעטערט אייך און דער דאָקטאָר האָט אייך ליעב.

— און די מאַמאַ?

אַזוי ווי זשאַפערטע האָט ניט ליעב געהאַט צו ליינגען, האָט זי געשוויגען און דיאַנאַ האָט געזאָגט:

— א, איך ווייס עס אויף זיכער, אז זי האט מיך ניט ליעב. זאג מיר, האט מיך ליעב געהאט מיין מוטער?

— ס'ארא פראגע! זי האט אייך פשוט פארגעטערט, כאטש איהר זייט נאך געווען גאר א קליינינקע.

— ווען מאמא זאל מיך איצט זעהן, וואלט זי מיך מעהר ליעב געהאט פון פריהער, אדער ווייניגער?

— מוטערס ליעבען שטענדיג גלייך זייערע קינדער.

— הייסט עס, אז מיין אומגליק באשטעהט אין דעם, וואס איך האב ניט מעהר קיין מוטער?

— דאס איז אן אומגליק, וואס איהר דארפט אליין פאַריכטען: איהר דארפט שטענדיג זיין אזוי גוט און געהארכזאם, ווי ווען אייער מוטער וואלט אויף אייך געקוקט.

— אבער מאמא זעהט דאך מיך ניט?

— איך האב עס ניט געזאגט! איך ווייס גארנישט ניט וועגען דעם. אבער אין דער זעלבער צייט קען איך ניט זאגען, אז זי זעהט אייך ניט.

דער ענטפער האט באפרידיגט דיאנא'ן, וואס האט געהאט א רייכע פאנטאזיע און א גוט הארץ. זי האט א קוש געטאן איהר אם און גענומען איהר שטעלען טויזענדער פראגען וועגען איהר מוטער.

— ליעב קינד מיינס, — האט געזאגט זשאפרעטע,—איהר פרעגט ביי מיר צופיל: איך האב אייער מוטער געקענט בלויז א קורצע צייט. לויט מיין מיינונג, איז דאס געווען דאס ליעבסטע און שעהנסטע וועזען אויף דער וועלט. איך האב זי זעהר באוויינט און באוויין זי נאך אצינד. רעדט ניט מיט מיר צופיל וועגען איהר, אויב איהר ווילט מיך ניט קרענקען.

זי האט אזוי געענטפערט, ווייל זי האט געוואלט בארוהיגען דיאנא'ן, וועלכע איז געווען זעהר אויפגערעגט. איהר איז געלונגען צו צערשטרייען זי: אבער אין אבענט האט דיאנא ווי-

דערמאָל אָנגעהויבן פיבערן און א גאַנצע נאַכט האָבן דיאַ־נאַ'ן פאַרפאָלגט שווערע און פאַרמאַטערנדע חלומות. באַגינען איז איהר לייכטער געוואָרען און, ווען זי האָט געעפענט די אויגען, האָט שוין אָנגעהויבען טאָגען.

צוליב די בלויע פאַרהאַנגלעך האָט איהר גאַנצער צימער אויסגעזעהן בלוי. און זי האָט גאָרנישט ניט געקענט אונטער־שיידען אין צימער. איינציגווייז האָט זי בעסער געקענט אונ־טערשיידען און זי האָט דערזעהן א פרוי שטעהענדיג אויף די קני פאַר איהר בעט.

— דאָס ביזטו, זשאַפּרעטע? — האָט געפרעגט דיאַנאַ. אָבער די פרוי האָט גאָרנישט ניט געענטפערט און דיאַנאַ האָט דערהערט, אַז די אָם האָט א הוסט געטאָן אין איהר אייגען בעט. ווער־זשע איז געוועזן די פרוי, וואָס האָט, ווי עס האָט אויסגעוויזען, געוואַכט ביי דיאַנאַ'ס געלעגער?

— ביזטו עס, מאַמאַ לאַורא? — האָט זי געפרעגט, פאַר־געסענדיג די אַלע גרויזאַמע רייד און וועלענדיג זי בלויז ליעב האָבען.

די פרוי האָט גאָרנישט ניט געענטפערט און דיאַנאַ האָט באַמערקט, אַז אויף איהר פּנים איז דאָ א שלייער.

— אַ, — האָט זי געזאָגט מיט פרייד, — איך האָב אייך דערקאַנט! איהר זייט דאָך דאָס מיין גוטע נימף פון דאַרטען. ענדליך זייט איהר געקומען. איהר זייט געקומען, אום צו ווערען מיין מוטער?

— יאָ, — האָט געענטפערט די דאַמע אין שלייער מיט איהר פראַכטפולע, קלינגענדער שטימע.

— און איהר וועט מיך ליעב האָבען?

— יאָ, אויב דו האָסט מיך ליעב.

— אַ, איך וויל אייך ליעב האָבען!

— ווילסט געהן שפּאַצירען מיט מיר?

— געוויס, איך געה גלייך, אבער איך בין אזוי שוואך!

— איך וועל דיך טראגען.

— גוט, גוט, לאמיר געהן!

— וואס ווילסטו זעהן?

— מיין מאמא!

— דיין מאמא?... דאס בין איך.

— אמת? אויב אזוי נעמט ארונטער אייער שלייער, אום איך זאל קענען זעהן אייער געזיכט.

— דו ווייסט, אז איך האב קיין פנים ניט.

— א, וועה! וועל איך איהם קיינמאל ניט זעהן?

— דאס העננט אב פון דיר, דו וועסט איהם דערזעהן אין דעם טאג, ווען דו וועסט איהם אומקערען מיר.

— גאט מיינער! וואס זאל דאס באדייטען? ווי אזוי קען איך דאס טאן?

— דו דארפסט איהם געפינען. קום מיט מיר, איך וועל דיך פילעם אויסלערנען.

די דאמע אין שלייער האט גענומען דיאנא'ן אויף די הענט און אוועקגעטראגען זי: איך קען ניט זאגען וואוהין, ווייל דיאנא אליין האט זיך עס קיינמאל ניט געקענט דערמאנען.

ווי עס זעהט אויס, האט זי געזעהן פיל וואונדערבארע זא־כען, ווייל ווען זשאפרעטע האט זי געוואלט אויפוועקען, האט זי איהר אפגעשטופט און זיך אומגעדרעהט אויף דער צווייטער זייט, כדי צו קענען ווייטער שלאפען און ווייטער זעהן די גוטע חלומות: אבער איהר חלום האט זיך געביטען. די דאמע אין שלייער האט אנגענומען דאס געשטאלט און די קליידונג פונ'ם דאקטאר, וואס האט איהר געזאגט: „וואס ארט דאס מיך, צי דיך האט יא אדער נים ליעב מאדאם לאורא? מיר האבען צו־פיל ארבייט און מיר קענען זיך ניט ערלויבען אפצוגעבען זיך מיט איהר". דערנאך האט זיך דיאנא'ן גע'חלומ'ט, אז איהר

בעט איז פול מיט בילדער, איינס בעסער פאר דעם צווייטען. און אלעמאל, ווען זי האט געקוקט אויפ'ן פנים פון עפעס א געטין אדער מוזע, האט זי געטראכט:

— אך, דאס איז מיין מאמע! איך בין אין דעם זיכער! אבער גלייך האט זיך דאס פנים געביטען און דיאנא האט שוין מעהר ניט געקענט געפינען די, וועלכע, ווי עס האט זי איהר געדאכט, זי האט דערקענט.

ארום ניין אזייגער איז דער דאקטאר, וועמען זשאפרעטע האט גערופען, אריינגעקומען אין צימער צוזאמען מיט דיאנא'ס פאטער. דאס מיידעל האט שוין מעהר ניט געפיבערט. דער אנפאל איז פאראיבער. ביי טאג איז מען ארומגעגאנגען ארום איהר און די קומענדע נאכט האט דיאנא רוהיג פארבראכט.

אין צוויי טאג ארום איז דיאנא ווידער געזונט געווארען און לויט'ן באפעהל פון דאקטאר האט זי ווידער אנגעהויבען צו פיהרען איהר זארגלאז לעבען. זי האט אנגעהויבען פיל און אפט שפאצירען.

VI.

זוכענדיג דאָס געזיכט.

אין איין שעהנעם טאָג פון דעם זעלבען יאהר, האָט דער דאָקטאָר, וואָס האָט אַלץ נאָכגעקוקט, באַמערקט, אַז עפּעס אַז ענדערונג איז פאָרגעקומען אין דער פאַמיליע פלאָשאַרדע. לאוראַ האָט אָפען ארויסגעזאָגט איהר פארלאַנג צוריקצושיקען דיאַנאַ'ן אין קלויסטער.

דאָס איז ניט פאָרגעקומען דערפאַר, וואָס זי האָט איהר געהאַסט: לאוראַ איז ניט געווען שלעכט, זי איז געווען פּוסט און זי האָט געהאַלטען דיאַנאַ'ן פאַר אַ נאַר בלויז דערפאַר, וואָס זי אַליין איז געווען אַ נאַר.

זי האָט זיך געפיהלט באַליידיגט דערפאַר, וואָס זי האָט ניט געקענט מושטירען דיאַנאַ'ן און זיך שפּילען מיט איהר ווי מיט אַ שפּילצייג. זי פלעגט שטענדיג רעדען צום מאַן וועגען דעם, וואָס דאָס קינד פאַרברייגנט איהר צייט אויף גאַרנישט ניט. פלאָשאַרדע האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. אַמאָל איז ער געווען איינשטימיג מיט דער פלוידעריי פון זיין פרוי, אַמאָל מיט דער מיינונג פון דאָקטאָר. מיט צווייפעל האָט ער געקוקט אויפ'ן מיידעל, אומרוהיג האָט ער זיך אַליין געפרעגט, איז זי באמת געגוג אַנטוויקעלט פאַר איהרע יאָהרען, ווי עס האָט פאַר־זיכערט פעראַן, אדער זי איז ווילד און אומערצויגען, ווי עס האָט געזאָגט לאוראַ. סוף־כל־סוף — האָט ער געטראַכט, — וועט איהר דאָך זיין אַם בעסטען, ווען זי וועט זיך געפינען אונטער

דער אויפזיכט פון זיין שוועסטער, די אויפזעהעריין פון קלויס־טער וויזיטאנדיין דע מאנד.

דיאנא, ווידער, א בארוהיגטע פון זשאפרעטע'ס קלוגע ווערטער און אויך א דאנק דעם, וואס זי איז געזונט געווארען און וואס זי האט געהאט א גוטען כאראקטער, האט זיך מעהר ניט אומגעקוקט אויף די גיפטיגע באמערקונגען, וואס איהר שטיפמוטער האט געהאלטען אין מאכען וועגען איהר; אבער זי האט איהר מעהר ניט ליעב געהאט און ניט באמיהט איינוואָרצלען אין איהר הארץ א ליעבע צו איהר. זי איז געווארען גלייכגילטיג צו דער דאזיגער שעהנער דאמע און פארנומען זיך מיט אנדערע זאכען.

ווידער האט זי גענומען פארפאלגען דער געדאנק צו לערנען זיך: זי האט זיך געוואלט לערנען ניט נאר מאלעריי, נאר אויך געשיכטע, ווייל די באמערקונגען פון דאקטאר וועגען קונסט, האבען איהר באוויזען די וויכטיגקייט פון געשיכטע. עס האבען זי פארנומען און באאומרוהיגט פראגען וועגען דער וועלט אנטשטעהונג. „דו ביזט נאך צו יונג צו וויסען אט דאס אלץ, — האט געזאגט דער דאקטאר, — אין דיין עלטער געניסט מען דאס גליק פון אומוויסענהייט". אבער, אזוי ווי עס איז אוממעגליך צו געבען א היסטארישען איבערזיכט פון וועלכער ניט איז קונסט, ניט אנרירענדיג די אורזאכען פון איהר פאלען און אויפבליען, דאס הייסט, פון דער גאנצער מענשליכער געשיכטע, האט דער דאקטאר אויף אמת אנגעהויבען אונטער־ריכטען דיאנא'ן. זי האט זיך אזוי גייציג איינגעהערט צו זיינע רייד, אז דער דאקטאר האט באדויערט, וואס ער קען זי ניט לערנען מעהר סיסטעמאטיש, שוין צוליב דעם אליין, וואס איז דער היים האט זי ניט געקראגען קיין שום ערנסטע ערציהונג. פלאשארדע האט אפט גערעדט וועגען דעם, אז ער וועט פאר איהר נעמען א גאווערנאנטין, אבער יעדער האט לייכט געקענט

פאראויסזעהן, אז קיין איינע וועט ניט געפעלען ווערען לאורא'ן.

דאן האט דער דאקטאר געזאגט מיט אן ערנסטער שטימע צו פלאשארדע:

— איך וויל, אז איהר זאלט מיר אפגעבען אייער טאכטער צוזאמען מיט דער אם.

— איהר שפאסט, — האט אויסגעשריען דער מאלער — אפגעבען אייך מיין טאכטער?

— יא, אפגעבען מיר זי אזוי, אז זי זאל אויך ביי אייך פארבלייבען, דען מיר וואוינען דאך בשכנות אין דארף אזוי גוט ווי אין שטאדט. זי וועט נעכטיגען ביי אייך, אויב איהר וועט עס וועלען. אבער פון דער פריה ביז'ן אבענט וועט זי זיין ביי מיר: און איך וועל זי לערנען און ערציהען לויט מיין געשמאק.

— איהר האט דאך אבער קיין פרייע צייט ניט! — האט געזאגט פלאשארדע.

— איך וועל האבען צייט! איך בין אלט און גענוג רייך און כ'האב דערפאר א רעכט אפצורוהען זיך און איבערגעבען מיינע פאציענטען צו מיין שוועסטער־קינד, וועלכער האט נאר וואס געענדיגט מעדיצין און איז א גאנץ קלוגער יונג. איך האב איהם ערצויגען, ווי אן אייגענעם זוהן, אבער איך האב שטענדיג געוואלט האבען א טאכטער, אום צוצוטיילען מיין פארמעגען צווישען צוויי קינדער פון ביידע געשלעכטער. נו, וואס זאגט איהר דארויף?

די לעצטע פאר ווערטער זענען געווען פון אזא וויכטיגקייט, אז פלאשארדע האט זיך ניט געפונען בארעכטיגט אפצוזאגען זיך פון דער דאזיגער גלענצענדער צוקונפט, וואס איז פארגעשטאנען זיין טאכטער, שוין צוליב דעם אליין, וואס דער ארט לעבען, וואס לאורא האט געפיהרט האט איהם באאומרוהיגט. ער האט מורא געהאט אז זי וועט פטר'ן זיין גאנץ פארמעגען. נאכצוקומען איהר אלע קאפריזען, האט ער שוין געמוזט אנ־

הויבען לייהען געלט, ווענגען וואס ער האט ניט געוואגט זיך מודה זיין.

ער האט צוגעשטימט און לאורא איז געווען דערפון זעהר צופרידען. זי האט אפילו געוואלט, אז דאס מיידעל און זשאפ־רעטע זאלען זיך אין גאנצען איבערקלייבען צום דאקטאר. פלאשארדע האט צו דעם אויך צוגעשטימט און דיאנא האט זיך איבערגעקליבען אין א שעהן מעבעלירט צימערל, זשאפרעטע האט גענומען דאס דערבייאיגע צימער. דער דאקטאר האט געהאלטען זיין ווארט. ער האט זיך אפגעזאגט פון זיין פראקטיק. אזוי ווי מען האט איהם גערעכענט פאר א גוטען ארצט, האט ער זיך ניט געקענט אין גאנצען אפזאגען. ער האט געמוזט צונעמען פאציענטען כאטש צוויי שעה אלע טאג, אין דער צייט ווען זיין שוועסטער־קינד האט גערוהט; די צייט האט דיאנא פארבראכט ביי איהר פאטער. אין די אבענטען פלעגט צו פעראנ׳ען קומען זיין שוועסטער־קינד און נאכפאלגער מארסעלען, צו בעראטען זיך מיט איהם וועגען ערנסטע און אינטערעסאנטע פאלען און מיט גרויס אכטונג האט ער זיך צוגעהערט צו דעם אלטען ארצט׳ס מיינונג. אויסער דעם ווען ער האט געהאט פרייע צייט האט ער געפלוידערט און געשפילט זיך מיט דיאנא׳ן, ווי מיט א שוועסטערל. מארסעלען איז געווען א וואוילער יונג, ער איז ניט געווען פעהיג אויף קנאה, אויסער דעם, האט ער זיך געהאלטען גענוג רייך צוליב זיין גוטער ערציהונג, בילדונג און פאציענטען, פאר וועלכע ער האט געהאט צו פארדאנקען זיין אנקעל. א יורש מיט אזא כאראקטער... איהר זעהט, קינדער, אז עס גיבען וואונדער אויף דער וועלט, ווארים, אויב עס זענען אפילו ניט פאראן פיל אזוינע שוועסטער־קינדער, זענען זיי אבער טיילמאל דא.

און דיאנא איז געווארען גליקליך, געהארכזאם און זיך זעהר גוט געפיהלט. עס האט אויסגעזעהן, אז זי האט פארלארען איהר ליידענשאפט צו מאלעריי. ס׳איז מעגליך, אז, ניט קוקענדיג

אויף איהרע יונגע יאהרען, האט זי פארשטאנען, אז אלץ הענגט אב פון ערציהונג און בילדונג, און אז קענענדיג בלויז איין גע־גענשטאנד, קען מען אין אמת'ן גארנישט.

ווען דיאנא איז אויסגעוואקסען, ווען זי איז אלט געווא־רען צוועלף יאהר, איז זי געווארען א וואונדערבאר קינד, זי איז געווארען פשוט, פרעהליך און גוט צו אלעמען, ניט געזוכט זיך ארויסצוציייגען; דאך האט זי געוואוסט זעהר פיל פאר איהרע יאהרען און אין איהר כאראקטער זענען געווען ערנסטע און עדעלע שטריכען. וואס זי האט ניט ארויסגעצייגט פאר אנ־דערע. זי האט ניט שלעכט געקענט צייכנען, ווייל אין דער זעל־בער צייט, וואס זי האט שטודירט מאלעריי, האט זי געקוקט, ווי איהר פאטער ארבייט. אבער זי האט קיינמאל קיינעם ניט געוויזען איהרע צייכנונגען, ווייל איינמאל האט דער דאקטאר אויף זיי געזאגט, אז זיי זענען זעהר גוט און איהר פאטער, אז זיי זענען זעהר שלעכט. דיאנא האט געפיהלט, אז דער דאק־טאר, וואס האט געהאט א פיינעם קריטישען געשמאק, האט אבער גארנישט ניט פארשטאנען אין דער טעכניק פון מאלעריי. ער האט אין איהר אנטוויקעלט די ליעבע צו דאס שעהנע, אבער ער האט איהר ניט געקענט ווייזען די מיטלען, די שעהנהייט צו עררייכען. זי האט אויך געפיהלט, אז די סיסטעם פון איהר פא־טער, איז פאלשטענדיג אין געגענזאץ צו די טעאריען פון דאק־טאר, און אז דער דאקטאר האט ניט אנערקענט זאכען, אויב זיי זענען ניט געווען אין זיין גייסט און, אז ער איז אין דעם געווען אומגערעכט, ניט פיהלענדיג עס אליין.

אבער האט זי אליין געקענט אין דעם זיין זיכער? מיט טרויער האט זי זיך געפרעגט די פראגע. וואס האט זי געקענט טראכטען וועגען איהר פאטערס טאלאנט, וואס דער דאקטאר האט מיט רעכט קריטיקירט? אבער, וואס האט זי געקענט טראכטען וועגען דער קריטיק פון דאקטאר, וואס האט אליין ניט

געקענט האלטען א בלייפעדער אין דער האנט? די דאזיגע פראַ־געז האבען זי אזוי געערגערט, אז זי איז אפילו קראנק געוואַ־רען פון זיי. זי איז שעהן אויסגעוואקסען, אבער זי איז געוועז זעהר מאגער און שוואך. דער דאקטאר האט זי געהיילט, ער איז ניט געוועז באומרוהיגט וועגען איהר, אבער ער האט אלץ געזוכט די א'נערליכע אורזאכען, וואס האבען פאראורזאכט איהרע פיבער אנפאלען. זשאפרעטע האט איהם געזאגט, אז לויט איהר מיינונג, צייכענט דיאנא צופיל. אזוי, ווי זי האט ניט געוואלט, אז מען זאל זעהן, ווי זי צייכענט, פלעגט זי אויפ־שטעהן באגינען: די אם, וואס האט אכטונג געגעבען אויף איהר, האט באמערקט, ווי זי האט אמאל, מאלענדיג, געדרויטעלט זיך און געווארען באגייסטערט און אז אנדערש מאל בלייך און אפ־העגטיג געווארען און איהרע אויגען זענען געוועז פול מיט טרערען.

דער דאקטאר האט געוואלט, אז זי זאל זיך מודה זיין פאר איהם אין אלץ, כאטש זי האט ניט געוואלט אלץ ארויסזאגען. האט זי אבער ניט געקענט ביישטעהן זיינע צערטליכע פראַ־געז. — גוט, — האט זי געזאגט, — איך מוז זיך מודה זיין, אז איך האב א געדאנק, וואס פארפאלגט מיך שטענדיג. איך זוך און איך מוז געפינען א געזיכט און איך קען עס ניט געפינען.

— ס'ארא געזיכט? אלץ נאך די דאמע אין שלייער? ניט־שויז־זשע פארנעמט די דאזיגע קינדישע פאנטאזיע דיך אויך איצט, ווען דו ביזט שוין אז ערוואקסענע קלוג מיידעל?

— ליידער, מיין פריינד! די דאזיגע פאנטאזיע פארלאזט מיך ניט פון יענער צייט אן, וואס די דאמע אין שלייער האט מיר געזאגט: „איך בין דיין מאמע און דו וועסט דערזעהן מיין געזיכט, ווען דו וועסט איהם מיר אומקערען“. איך האב עס ניט פארשטאנען גלייך, אבער איינציגוויין איז מיר קלאר געוואַ־רען, אז איך דארף געפינען און אויפצייכענען מיין מוטער'ס גע־

זיכט: אַט וואָס איך זוך. מען האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז געווען אַזוי שעהן! מסתמא וועט מיר אוממעגליך זיין צו מאַכען עפּעס עהנליכעס, אויב איך האָב קיין טאַלאַנט ניט; מיר וואָלט זיך זעהר וועלען זיין טאַלאַנטפול, אבער איך בין עס ניט. איך בין זעהר אומצופרידען מיט זיך און איך צוריים אדער פאַרשמיר אַלץ, וואָס איך צייכען אויף. אַלע מיינע געזיכטער זענען ניט שעהן און אומבאַדרייטענד. איך קוק זיך צו, וואָס עס טוט פּאַפּאַ צו פאַרשעהנערען זיינע מאָדעלען : ס'איז דאָך אמת, אַז ער מאַכט זיי שענער : איצט זעה איך און פאַרשטעה, אין וואָס עס באַשטעהט זיין ערפאָלג. און אַט וואָס עס פּאַסירט מיט מיר ! ווען איך קוק אויף זיי, אויף די דאָזיגע מאָדעלען, וועלכע זענען ניט שטענדיג זעהר שעהן — קומען דאָך צו איהם זיך באַשטעלען פאַרטרעטען גאַנץ פּאַרוועלקטע פרויען און גאָר קיין שעהנע מענער, אבער איך געפין, אַז די מיאוסטע זענען... ווי זאָל איך עס אייך זאָגען ? מעהר נאַטירליך ווי די אויסגעטראַכטע אויסדרוקען וואָס פּאַפּאַ גיט זיי צו. זיי האָבען אָריגינעלע קנייטשען, שטריכען, אבער גראָד דאָס אָריגינעלע אין זיי געפינט פּאַפּאַ פאַר נויטיג צוצונעמען ביי זיי און זיי זענען זעהר צופרידען, וואָס מען נעמט עס ביי זיי צו. אין זינען מאָל איך זיי אַזוי, ווי זיי זענען אין דער ווירקליכקייט און וואָלט אויך געקענט מאָלען, וואָלט איך געמאָלען פונקט פאַרקערט פון פּאַפּאַ. און עס מאַטערט און מאַכט מיך טרויעריג דאָס, וואָס פּאַפּאַ האָט טאַלאַנט און איך ניט.

— ער באַזיצט טאַלאַנט און דו ניט, דאָס איז אמת, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר. אָבער דו וועסט איהם האָבען, ווייל דו מאַטערסט זיך אַזוי פיל, וואָס דו האָסט איהם ניט : אָבער ווען דו וועסט קריגען טאַלאַנט, — איך וויל ניט זאָגען, אַז דו וועסט האָבען אַ גרעסערען, ווי ער, איך ווייס וועגען דעם ניט, — וועט דאָס זיין גאָר אַן אַנדער סאָרט טאַלאַנט, ווייל דו קוקסט

אין גאנצען מיט אנדערע אויגען. דו קענסט זיך גארנישט לער־
נען פון דיין פאטער! דו דארפסט אליין געפינען דיין וועג און
אויף דעם פאדערט זיך צייט. דו ווילסט צו שנעל עררייכען,
דאס וואס דארף נעמען צייט. דערפאר ריזיקירסטו אין גאנצען
ניט צו האבען קיין טאלאנט; אפטמאל קריגסטו אן אנפאל פון
פיבער, דאמאלסט פיהלסטו זיך שלעכט און קענסט עפעס רעכטס
ניט טאן. וואס אנבאלאנגט דעם געזיכט, וואס פארפאלגט דיך,
איז עס זעהר לייכט פאר דיר צו זעהן עס. דיין פאטער האט א
מיניאטור בילד פון דיין מוטער. דאס בילד איז זעהר עהנליך
אויף איהר. ניט ער האט עס געצייכענט און ער האט עס טאקע
ניט ליעב, ווייל עס איז געמאלען אין גאנצען אין געגענזאץ
צו זיין מאניר. ער ווייזט דאס בילד קיינעם ניט און פארזי־
כערט, אז עס איז גארנישט זי; פאר מיר איז עס א לעבעדיג
בילד פון איהר, איך קען עס בעטען ביי איהם, כדי עס דיר
צו ווייזען.

דער איינציגער פארלאנג וואס האט אין דעם מאמענט אנ־
געפילט דיאנא׳ס הארץ איז געווען, צו באקענען זיך מיט די
שטריכען פון איהר מוטערס געזיכט. זי האט געדאנקט דעם
דאקטאר און מיט פארגעניגען אנגענומען זיין פארשלאג. דער
דאקטאר האט איהר פארזיכערט, אז מארגען וועט זי האבען דאס
בילד. ער האט איהר באוואויגען צוצוזאגען איהם, אז פון איצט
אז וועט זי ווערען רוהיגער און זי וועט ארבייטען מיט ווייניגער
אייפער און מיט גרעסערען געדולד. „אמווייניגסטען דארף נאך
פאראיבער א יאהר צעהן ביז דו וועסט פארשטעהן, וואס דו
טוסט. דו דארפסט זעהן די ווערק פון די גרויסע מייסטערס.
מיר וועלען ארומרייזען, ווען דו וועסט אונטערוואקסען און
וועסט קענען שוין האבען נוצען פון דעם. וואס וועסט זעהן:
דארט וועסטו קענען זיך לערנען ביי א גוטען מאלער, ווארים
דא וועט עס זיין אוממעגליך: מען האלט איהם פאר׳ן גרעסטען

קינסטלער פון דער וועלט און ער וועט זיך פיהלען זעהר באליי־
דיגט, ווען ער וועט זעהן, אז דיך לערנט א צווייטער און ניט
ער".

— א, דאס איז אוממעגליך! איך פארשטעה אלץ, — האט
אויסגעשריען דיאנא — איך וועל זיין געדולדיג און פארשטענד־
ליך. איך גיב אייך מיין ווארט.

זי האט געהאלטען איהר ווארט אזוי לאנג ווי זי האט גע־
קענט. אבער ווי נאר זי איז איינגעשלאפען, האט זי ווידער
דערזעהן די דאמע אין שלייער, וואס האט איהר פארגעלייגט צו
שפאצירען צוזאמען אין שלאס פיקטארדיו. ווי נאר זיי זענען
אהין געקומען, האט א הויך, שלאנק, זעהר שעהן מיידעל זיי גע־
בעטען, אז זיי זאלען גלייך אוועק, ווייל דער שלאס וועט גלייך
איינפאלען. דיאנא האט דערקענט דאס מיידעל, דאס איז געווען
בלאנש דע פיקטארדיו, דיאנא האט איהר אנגערופען ביים נא־
מען און דאס מיידעל האט זיך אפגערופען:

— אייך איז געווען מיך לייכט צו דערקענען, ווייל איהר
האט געזעהן אויף מיין האלז די בראשקע, וואס איהר האט מיר
געשאנקען. ווען איך זאל ניט טראגען די בראשקע, וואלט
איהר מיך ניט דערקענט, ווייל איהר האט אין גאנצען קיין זכרון
ניט אין איהר זייט ניט אויף אזוי פיל קלוג, צו קענען אויפמאלען
מיין פנים. געהט. דער שלאס זיפצט און בעקלאגט זיך. ער איז
מיך געווארען זיך געגענשטעלען די שטורעמס און ער וועט
באלד צופאלען.

דיאנא האט זיך דערשראקען, אבער די דאמע אין שלייער
האט מיט א באוועגונג פון דער האנט באזייטיגט בלאנש און
אריין אין שלאס, מיט א צייכען האט זי געהייסען דיאנא'ן איהר
נאכפאלגען. דיאנא האט איהר געפאלגט און דער שלאס איז
צוזאמענגעפאלען אויף זיי, אבער ער האט זיי ניט פארשאפט
מעהר שאדען, ווי עס וואלט אויף זיי געפאלען אביסעל שניי,

די ערד איז באדעקט געווארען מיט די שטיינער, וואס זענען גע־פאלען איינער נאך דעם צווייטען.

— לאמיר גיכער זוכען מיין געזיכט, — האט געזאגט די דאמע אין שלייער, — עס דארף זיך דא ערגעץ געפינען, דו דארפסט עס דערקענען. אויב דיר וועט עס ניט געלינגען, וועסטו מיך שוין קיינמאל מעהר ניט דערקענען! לאנג. האט דיאנא געזוכט אויפהויבענדיג די אויסגראווירטע שטיינער. איין שטיין האט פארגעשטעלט א זעהר הערליכע פיגור אין דער גאנצער גרויס, א צווייטער — א שעהנעם אדער שטרענגען פראפיל, אנדערע — אויסגעקרימטע פנימ׳ער: ווי אויף די אנטיקע מאסקען. האבען די מעהרסטע געהאט ערענסטע אדער מעלאנ־כאלישע אויסדרוקען, און אלע זענען געווען וואונדערבארע אר־בייטען: דיאנא האט זיך ניט געקענט גענוג אנקוקען אויף זיי, אבער די נימף האט זי אונטערגעאיילט.

— גיכער, גיכער, — האט זי געזאגט, — פארנעם זיך ניט מיט׳ן באקוקען דאס אלעס, דו דארפסט דאך געפינען מיך, בלויז מיך.

מיטאמאל איז דיאנא׳ן אין די הענט אריינגעפאלען א דורכזיכטיגער קארנעאל אין מיטען פון וועלכען איז געווען א מאט־בלייכער פראפיל פון אידעאלער שעהנהייט, באקראנצט מיט האר פארקאמט אויף הינטען און מיט א שטערען אויפ׳ן קאפ. אין אנפאנג האט דאס קעפעל איהר אויסגעזעהן, ווי עס וואלט זיין די גרויס פון א שטיין אין א רונג, אבער וואס לענגער זי האט אויף דעם קעפעל געקוקט, האט זיך דאס קעפעל אלץ פארגרעסערט און פארגרעסערט ביז עס האט פול געמאכט איהר גאנצע האנט. „ענדליך“! — האט אויסגעשריען די נימף, „דאס בין איך. דאס בין איך, דיין מוזע, דיין מוטער, דו וועסט באלד זעהן, אז דו האסט קיין טעות ניט געהאט“. אבער

דיאנא האט ניט דערוויזען צו זעהן איהר פנים, ווייל די זעהונג איז פארשוואונדען און דיאנא האט זיך אויפגעכאפט אין גרויס פארצווייפלונג. אבער זי האט דאס אלץ געזעהן אזוי לעבעדיג, אז עס האט גענומען צייט ביז זי איז געקומען צו זיך; זי האט געהאלטען צוזאמענגעדריקט די האנט, האפענדיג צו דערפיהלען אין איהר די טייערע קאמיי, וואס וואלט כאטש געלאזען ביי איהר דעם געשטאלט פון דער, וואס איז איהר געוועזען אזוי טייער און וועלכע זי האט אזוי ליידענשאפטליך געזוכט. ליידער האט די אילוזיע אנגעהאלטען ניט מעהר ווי א רגע. זי האט גע־קענט, ווי שטארק זי האט נאר געוואלט אליין, צוזאמענדריקען די האנט, אין איהר איז גארנישט ניט געוועזען, אבסאלוט גאר־נישט.

ווען זי איז אויפגעשטאנען, איז אין איהר צימער אריינ־געקומען דער דאקטאר, טראגענדיג אין די הענט א סאפיאן שאכטעל. ער האט עס געוואלט עפענען, גלויבענדיג, אז דאס וועט איהר פארשאפען גרויס פארגעניגען. אבער זי האט אויס־געשריען, אפשטופענדיג איהם: ניין, ניין, ניין, ליעבער פריינט! איך דארף איהר נאך איצט ניט זעהן! זי וויל עס ניט! זי וויל, אז איך זאל זי אליין געפינען, אז ניט וועט זי מיך אויף אייביג פארלאזען".

— ווי דו ווילסט, — האט געענטפערט דער דאקטאר, — דו האסט דיינע אייגענע געדאנקען, וועלכע איך פארשטעה ניט אפטמאל, אבער געגען וועלכע איך וויל זיך ניט געגענשטעלען, איך לאז דיר איבער דעם מעדאליאן, ער איז דיינער. דיין פאטער שענקט איהם דיר אוועק, דו וועסט א קוק טאן אויף איהם, ווען די נימפ, וואס רעדט מיט דיר אין די נעכט, וועט עס דיר ערלויבען, אדער ווען דו וועסט אויפהערען צו גלויבען אין נימ־פען, וואס עס וועט אין גיכען פאסירען, ווייל דו טרעטסט אריין אין אן עלטער, ווען מען אונטערשיידט שוין חלומות פון

דער ווירקליכקייט און איך באאומרוהיג זיך ניט פאר דיין פאר־שטאנד!

דיאנא האט געדאנקט דעם דאקטאר פאר זיינע גוטע רייד און פראכטפולע מתנה, וואס ער האט געקראגען פאר איהר. זי האט א קוש געטאן דעם מעדאליאן און ניט עפענדיג איהם, האט זי איהם פארזיכטיג פארשלאסען אין איהר שרייב־טיש, גע־בענדיג זיך א ווארט צו ווארטען ביז די געהיימניספולע מוזע וועט איהר ערלויבען, און זי האט געהאלטען ווארט. זי האט איבערגעוואונדען דעם פארלאנג צו זעהן דאס טייערע געזיכט און זי האט געהאלטען עס אין איין זוכען מאלענדיג עס אהן אויפהער, אבער זי האט געהאלטען דאס ווארט, וואס זי האט געגעבען איהר פריינד: זי האט געארבייט מיט מעהר געדולד, ניט חלומ'דיג צו ערייכען מיטאמאל ערפאלג און זי האט זיך גענומען צו מאלען עטיודען, ניט ערווארטענדיג צו באשאפען עפעס גרויסעס מיטאמאל.

א זאנדערבארער געדאנק האט איהר געהאלפען זיין גע־דולדיג — א געדאנק, אז זי געדענקט גוט דעם פראכטפאלען פראפיל, וואס זי האט געזעהן און געהאלטען אין איהרע הענט אין חלום. ער איז שטענדיג געווען פאר איהרע אויגען און שטענדיג דער זעלבער, שטענדיג, ווען זי האט נאר געוואלט וועגען איהם טראכטען, האט ער זיך באוויזען צו איהר. דיאנא האט זיך באמיהט ניט פיל און ניט אפט צו טראכטען וועגען איהם, ווייל דאמאלט האט זיך איהר געדאכט, אז ער ציטערט אויף און ער האלט אין פארשווינדען.

VII.

דאָס געפונענע געזיכט

זי האָט זיך גוט געלערענט און זיך געפיהלט גאַנץ גליק־ליך, ביז איינמאָל, — זי איז דאַמאָלסט אַלט געווען אַרום פופצעהן יאָהר — האָט זי געטראָפען איהר פאָטער אַ טרויערי־גען און אַ צוטראַגענעם.

— ביסט קראַנק, פּאַפּאַ טייערער? — האָט זי איהם קר־שענדיג געפרעגט. — דיין געזיכט איז פאַרענדערט.

— הם, — האָט פלאָשאַרדע געענטפערט גאַנץ שאַרף, — דו פאַרשטעהסט שוין אויך עפּעס אין געזיכטער?

— איך פּרואוו פּאַפּאַ: איך טו, וואָס איך קען, — האָט געענטפערט דיאַנאַ. וועלכע האָט געזעהן אין די רייד פון איהר פאָטער אַן אָפּלאַכען פון איהר אומגליקליכער ליידענשאַפט צו מאָלעריי.

— דו טוסט, וואָס דו קענסט! — האָט געזאָגט פלאָ־שאַרדע, קוקענדיג מיט טרויער אויף איהר, — פאַר וואָס האָסטו זיך אריינגענומען אין קאָפּ אָט דעם אומגליקליכען געדאַנק — זיין אַ מאָלערין? דו נויטיגסט זיך ניט אין דעם, ווייל דו האָסט געקראָגען אַ צווייטען פאָטער, אַ קליגערען און גליקליכערען פון דעם ערשטען. צו וואָס דאַרפסטו זיך דערמיט פאַרנעמען, ווען דו קענסט גאַנץ גוט אויסקומען אָהן דעם?

— איך קען דיר אויף דעם ניט ענטפערען, טייערער פּאַפּאַ. דאָס הענגט ניט אָב פון מיר, אָבער ווען מיינע פאַרזוכען ער־

גערען דיך, וועל איך זיך פון זיי אפזאגען, כאטש עס וועט מיר פארשאפען פיל לייד.

— ניין, ניין! אמוזיר זיך, טו, וואס דיר געפעלט, חלום וועגען דעם, וואס דו קענסט קיינמאל ניט ערדרייכען! דאס איז דאס גליק פון דער יוגענט. שפעטער וועסטו געוואר ווערען, אז טאלאנט פארהיט קיין מענשען ניט פון אומגליק און ניט פון קיין צרות.

— גאט מיינער! דו ביזט אזוי אומגליקליך! — האט אויסגעשריען דיאנא, ווארפענדיג זיך אין זיינע ארעמס. — איז דאס מעגליך? ווי אזוי? פארוואס? דו דארפסט מיר אלץ דערצעהלען. איך קען ניט זיין גליקליך, ווען דו ביזט אומגליקליך. —

— האב קיין מורא ניט, — האט פלאשארדע געענטפערט און צערטליך זי ארומגענומען, — איך האב דאס בלויז געזאגט אום דיך אויסצופרואווען; מיר פעהלט גאר ניט: איך האב געמיינט, אז דו האסט מיך מעהר ניט ליעב, וויל... ווייל איך האב גארנישט ניט געטאן פאר דיין ערציהונג און איבערגעגעבען א צווייטען צו זארגען פאר דיר. מעגליך, אז דו האסט געמיינט, אז איך בין א גלייכגילטיגער און לייכטזיניגער פאטער, וואס לאזט זיך פיהרען, ווי א קינד...

— ניין, ניין, פאפא, איך פארגעטער דיך און קיינמאל האב איך אזוינס ניט געטראכט. ווי אזוי האב איך גאר אזוי געקענט טראכטען? גאט מיינער, ווי אזוי?

— דערפאר, ווייל מיר אליין זענען טיילמאל אויפ'ן זינען ארויפגעקומען אזוינע געדאנקען. איך האב זיך אליין פילעם פארגעווארפען: איצט אבער, פרעה איך זיך מיט'ן באוואוסט־זיין, אז ווען אפילו איך זאל פארארימט ווערען, וועסטו דערפון ניט ליידען.

דיאנא האט געפרואווט נאך אויספרעגען דעם פאטער,

אבער ער האט דעם געשפּרעך ארויסגעפיהרט אויף א צווייטע טעמא און גענומען זיך ווידער פאר דער ארבייט, אבער ער איז געווען אויפגערעגט, אומגעדולדיג און, עס האט זיך גערדאכט, אז ער פיהלט אן עקעל צו דעם, וואס ער טוט. מיטאמאל האט ער א ווארף געטאן זיין פּינזעל און פול מיט קרענקונג געזאגט:

„היינט ריהרט זיך די ארבייט ניט פון ארט, איך מאך בלויז קאליע דאס לייוועגט. איך האב מורא, אז איך וועל עס באלד איין גאנצען צערייסען. קום, לאמיר זיך אביסעל דורכגעהן".

ווען זיי האבען זיך געקליבען אוועקצוגעהן, איז אריין לאורא, אן אויסגעפּוצטע, ווי שטענדיג, אבער אויך מיט אן אויפגערעגט געזיכט.

— וואס, — האט זי געזאגט, — דו געהסט אוועק? דו דארפסט דאך דעם פּארטרעט ענדיגען היינט אבענט.

— און וואס איז, אז איך וועל איהם ענדיגען מארגען?

— האט קאלט געענטפערט פלאשארדע — בין איך דען א שקלאף ביי מיינע באשטעלער?

— ניין, געוויס ניט... אבער דו דארפסט היינט אבענט קריגען דאס געלט פאר דעם פּארטרעט, ווייל מארגען פריה...

— אך! יא, דיין שניידערין, דער סוחר, וואו דו קויפסט דיינע סחורות. איך וויים, זייער גערולד פלאצט און איב מען וועט זיי באלד ניט באפרידיגען, וועלען זיי ווידער מאכען א סקאנדאל.

א פארוואונדערטע און דערשראקענע האט דיאנא אויפגע־הויבען א פּאר ברייט געעפענטע אויגען אויף איהר שטיפמו־טער.

— קינדם מיינס, — האט לאורא געזאגט צו איהר, — דו שטערסט צופיל דיין פאטער, דו לאזט איהם ניט ארבייטען: היינט מוז ער אומבאדינגט ארבייטען. לאז איהם צו רוה.

— איהר טרייבט מיך ארויס פון מיין פאטערס הויז? — האט טרויעריג און איבעראשט אויסגעשריען דיאנא.

— ניין, אין קיין פאַל ניט! — האָט שאַרף אַרויסגערעדט פלאַשאַרדע, אוועקזעצענדיג זי נעבען זיך. — פאַרבלייב, דו שטערסט מיר קיינמאָל ניט.

— אַזוי? הייסט עס, אַז איך באַלעסטיג דיך, — האָט געענטפערט לאורא, — איצט פאַרשטעה איך און ווייס, וואָס מיר בלייבט איבער צו טאָן.

— טו, וואָס דיר געפעלט, — האָט מיט אַן אייז קאַלטער שטימע געענטפערט פלאַשאַרדע.

זי איז אַרויסגעגאַנגען און דיאַנאַ האָט זיך צעוויינט.

— וואָס איז דיר געשעהן? — האָט זי געפרעגט דער פאַ־טער, וואָס האָט געפרואווט צו מאַכען אַ פרעהליכען פנים, — וואָס האָט דאָס צו דיר, וואָס איך רעד זיך אַמאָל איבער מיט דער מוטער לאורא? זי איז ניט דיין מוטער און דו האָסט דאָך איהר ניט אַזוי שטאַרק ליעב.

— דו ביסט אומגליקליך, — האָט וויינענדיג געענטפערט דיאַנאַ, — מיין פאַטער איז אומגליקליך און איך האָב דערפון ניט געוואוסט!

— ניין, — האָט פלאַשאַרדע געזאָגט און ווידער אַנגעהויבען צו רעדען אין זיין געוועהנליכען לייכטזיניגען טאָן. פינאַנ־ציעלע שוועריגקייטען מאַכען אַ מענשען ניט אומגליקליך. איך בין זיך מודה, אַז איך בין זעהר געענגט, אָבער איך וועל זיך דערפון אַרויסדרעהען. איך וועל אַביסעל מעהר אַרבייטען. דאָס אַלץ. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל זיין אין דער לאַגע זיך אַביסעל אָפּצורוהען. איך האָב גע'פּטר'ט אַ פאַרמעגען פון אַ צוויי הונדערט טויזענט פראַנק. אין דער פּראָווינץ איז דאָס אַ גאַנץ באַדייטענד פאַרמעגען. איך מוז דיר זאָגען, ווייל סיי־ווי־סיי וועסטו היינט־מאָרגען דערפון געוואויר ווערען, מיר האָ־בען געלעבט צו ברייט. אין קורצען, מיר האָבען פיל מעהר

פארלעבט, ווי פארדינט. מיר מוזען איצט פארקויפען פיל זאַ־
כען פון הויז, און דאָס מיט גרויסען פארלוסט, ווייל די קרעדי־
טארען ווילען ניט ווארטען. איך גלויב, אז דו וועסט ניט אי־
בעראשט ווערען, ווען דו וועסט הערען, אז איך בין באנקראט.
ערגער זיך ניט צופיל דערפון, ווייל מענשען טוען שטענדיג זאַ־
כען, וואס זענען איבער זייערע כחות. איך וועל פארקויפען אלץ,
וואס איך פארמאָג און וועל באצאהלען מיינע חובות. זיי זיכער,
מיין עהרע וועט ניט באפלעקט ווערען און דיר וועט ניט אויס־
קומען רויט צו ווערען פאר דיין פאטער. צום סוף וועט אלץ
אוועק גוט, איך בין נאָך יונג און פול מיט קראפט. איך וועל זיך
הייסען באצאהלען א ביסעל מעהר פאר מיין ארבייט. מיט דער
צייט, האָף איך, וועט מיר געלינגען ווידער אמאל צוזאמענצו־
קלייבען א שטיקעל פארמעגען און כ'וועל זיין אימשטאנד אויב
דו איילסט זיך גאָר ניט חתונה צו האבען, דיר צו געבען א גאנץ
אנשטענדיגען נדן, אויב אבער, דו איילסט זיך יא, דאמאלסט
וועט דער דאקטאר מוזען...

— אַך, לאָמיר ניט רעדען וועגען מיר, — האט אויסגע־
שריען דיאנא, — איך האב קיינמאל ניט געטראכט וועגען
חתונה האבען און מיך ארט גאנץ ווייניג, וואס מיט מיר וועט
געשעהן אין דער צוקונפט. לאָמיר רעדען בלויז וועגען דיר:
וועט מען דען אין גיכען פארקויפען דיין שעהן שטאָדטיש הויז,
וואס דו האסט אזוי פראכטפאל אויסגעבויט און וואו דיר איז
אזוי באקוועם? נייז, דאס איז אוממעגליך, וואו וועסטו דאַ־
מאלסט ארבייטען? אין דיין זומער־וואוינונג... וואו וועסטו
וואוינען?

זעהענדיג, ווי דאס האט געווירקט אויף דיאנא'ן, האט ער
געפרואווט זי בארוהיגען, זאגענדיג איהר, אז ער האפט, אז מען
וועט איהם נאָך אמאל פראלאנגירען די חובות.

אבער דיאנא האט זיך גענומען באאומרוהיגען צוליב דעם

גרויסען יאָד, וואס ער דאַרף נעמען אויף זיך כדי צו זיין אימ־שטאַנד צו באַצאָהלען די חובות.

זי האָט מורא געהאַט, אַז ער זאָל ניט קראַנק ווערען פון צופיל אַרבייט. אום איהם צו פאַרשאַפען פאַרגעניגען, האָט זי זיך געמאַכט, ווי זי וואָלט זיין רוהיג, אָבער ווען זי איז אַהיימ־געקומען, האָט זי אַ גאַנצען אָבענט געוויינט. דיאַנאַ האָט זיך ניט דערוועגט צו דערצעהלען דאָס אַלץ דעם דאָקטאָר, ווייל זי האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט נאָך אַנהויבען צו זידלען און קריטיקירען איהר פאָטער. זי האָט געשפּילט שאַך מיט'ן דאָק־טאָר און דערנאָך אַוועק צו זיך אין צימער, אום צו קענען פריי זיך אויסצואוויינען.

זי האָט ווייניג געשלאָפען און גאָר ניט געהאַט קיין חלומות: אין דער פריה האָט זי, אום זיך אַביסעל צו צערשטרייערען, גענומען זיך פאַר איהר אַרבייט, אָבער עס האָט זי פאַרפאָלגט אַלץ דער שרעקליכער געדאַנק, אַז לאַורא וועט פאַרמאַטערען איהר פאָטער מיט צופיל אַרבייט, און אַז ווען איהר מוטער וואָלט געלעבט, וואָלט איהר פאָטער געווען גליקליך.

זי האָט גענומען באַוויינען אין איהר האַרצען איהר פאַר־שטאָרבענע מוטער, אָבער ניט אַזוי ווי אין דעם ערשטען מאָל. ווען זי האָט, וויינענדיג נאָך איהר מוטער, געהאַט בלויז זיך אין זינען: זי האָט באַוויינט דאָס גליק, וואָס איהר פאַרשטאָרבענע מוטער וואָלט געקענט געבען איהר פאָטער און וועלכען זי האָט מיטגענומען מיט זיך אין קבר אַריין.

זי האָט מעכאַניש געצייכענט ניט טראַכטענדיג מיט וואָס איהרע פינגער זענען פאַרנומען. פון דער מיפעניש פון איהר האַרצען האָט זי גערופען איהר מוטער און גערעדט צו איהר. „וואו ביזטו? ווייסטו וואָס עס קומט דאָ פאַר? קענסטו מיר ניט זאָגען, וואָס מען קען טאָן צו טרייסטען און רעטען דעם, וואָס ווערט פון אַ צווייטער באַטריבט און אונטערגעדריקט?“

מ׳טאָמאָל האָט זי דערפיהלט א הייסען אָטעם אויף איהרע האָר און א צערטליכע שטימע, צערטליך ווי א פריהמאָרגען ווינ־טעל, האָט איהר אריינגערוימט אין אויער אריין:

— איך בין דאָ, דו האָסט מיך גיפֿונען.

דיאַנאַ האָט א ציטער געטאָן און זיך אומגעקוקט: הינטער איהר איז קיינער ניט געווען. קיין שום זאַך האָט זיך ניט באַוועגט אין איהר צימער, בלויז דער שאָטען פון די בלעטער פון א לינדענבוים, וואס דער ווינט האָט באַוועגט און וועלכע האָבען זיך אָפּגעשלאָגען אויפ׳ן ווייסען טאָנען דיל. זי האָט א קוק געטאָן אויפ׳ן פּאַפּיר: זעהר א דינער סילועט איז געווען אויפגעצייכענט אויף איהם, דאָס האָט זי אויפגעצייכענט: זי האָט נאָך בולט׳ער געמאַכט די שטריכען פונ׳ם געזיכט, ניט געבענדיג קיין גרויסע באַדייטונג דער גאַנצער צייכנונג. דערנאָך האָט זי אויך אויפגעצייכענט די פריזור, א האָר בענדעל, און א שטערען, קאַפּירענדיג פון זינען די הערליכע קאָמיי, וואס זי האָט אַמאָל געזעהן אין חלום. זי האָט גלייכגילטיג א קוק געטאָן אויף דעם צייכנונג. זשאַפּרעטע, וואס איז נאָר וואס אריינגע־קומען, האָט געהאַלטען אין אויפראַמען דאָס צימער.

— וואס־זשע קינד, — האָט זי געזאָגט, צוגעהענדיג צו איהר, — זייט איהר היינט צופרידען מיט אייער ארבייט?

— פּונקט ווי אַלע טאָג, ליעבע זשאַפּרעטע, איך ווייס אפילו ניט, וואס אייגענטליך איך מאָל... אבער וואס איז מיט דיר? וואס ביסטו בלייך געוואָרען און פאַר וואס זענען דיינע אויגען אין טרערען?

— אָה, גאָט מיינער! — האָט אויסגעשריען זשאַפּרעטע.

— איז דאָס מעגליך? איהר האָט דאָך ניט געזעהן פריהער דאָס געזיכט? האָט איהר געזעהן דעם פּאָרטרעט? איהר האָט איהם קאַפּירט?

— ס׳אַרא פּאָרטרעט? איך האָב גאָרנישט ניט קאַפּירט!

— אויב אזוי, אויב אזוי... וואס איז דאס, א חלום, א וואונדער? הערר דאקטאר, קומט אהער, קומט אהער און גיט א קוק אויף דעם! וואס זאגט איהר דערצו?

— וואס האט פאסירט? — האט געפרעגט דער דאקטאר. וואס איז געקומען רופען דיאנא'ן צום פרישטיק, — ווענען וועלכען וואונדער רעדט זשאפרעטע?

און, זעהענדיג דיאנא'ס צייכנונג, האט ער צוגעלייגט:

— זי האט קאפירט דעם מעדאליאן. אבער ס'איז זעהר גוט געמאכט, קינד מיינס, זעהר גוט געמאכט. מען קען אפילו זא־גען, אז ס'איז פארטרעפליך און די עהנליכקייט איז צום באַ־וואונדערען! דו אָרעמע יונגע פרוי! מיר דאכט זיך, אז איך זעה זי איצט פאר מיינע אויגען. ארבייט ווייטער, טאכטער מיינע. דו וועסט מאלען פארטרעטען בעסער פון דיין פאטער. דער פארטרעט איז פראכטפול, ער לעבט.

פארלאָרען האט דיאנא געקוקט אויף דער צייכנונג און זי האט אין איהר געזעהן א געטרייע קאפירונג פון דער קאמיי. וואס זי האט געזעהן אין חלום, און וועלכע לעבט נאך אין איהר זכרון. אבער דאס איז דאך געווען די ארבייט פון איהר פאנ־טאזיע, און די עהנליכקייט, וואס עס האבען געזעהן אין איהר זשאפרעטע און דער דאקטאר, איז ניט געווען מעהר ווי איינ־בילדונג. זי האט זיי ניט געוואלט זאגען, אז זי האט נאך ניט געעפענט דעם מעדאליאן: זי האט געמיינט, אז זיי וועלען זי באוועגען צו עפענען דעם מעדאליאן און זי האט גערעכענט, אז זי איך נאך ניט ווערט אזא באלוינונג.

ביים פרישטיק האט זי געפרעגט דעם דאקטאר, צו ער איז פאלשטענדיג זיכער, אז איהר מוטער'ס בילד איז גאנץ עהנליך אויף איהר.

— ווי אזוי וואלט איך דערקענט, ווען עס זאל ניט זיין עהנליך אויף איהר? — האט געזאגט דער דאקטאר. — דו

ווייסט גאנץ גוט, אז איך באציה זיך צו דיר גאנץ שטרענג. זשאפרעטע, ברענגט מיר די צייכנונג. איך וויל נאכאמאל א קוק טאָן אויף איהר.

זשאפרעטע האט געטאָן זיין פארלאנג און דער דאקטאר האט פארזיכטיג נאכאמאל באטראכט דעם פארטרעט, טרינקענ־דיג זיין קאפע. ער האט מעהר קיין ווארט ניט גערעדט און איז געווען אין גאנצען פארטאָן אין איהם. מיט טרויער האט דיאנא זיך אליין געפרעגט, צי ער האט ניט חרטה אויף זיין ערשטער מיינונג. אין דער מינוט, האט מען געמאָלדען, אז פלאשארדע איז געקומען: ער פלעגט צייטענווייז באזוכען דעם דאקטאר און מיט איהם טרינקען א טאסע קאפע.

— וואס באקוקט איהר דארט? — האט ער געפרעגט דעם דאקטאר, נאך דעם, ווי ער האט א קוש געטאן זיין טאכטער.

— גיט אליין א קוק, — האט איהם געענטפערט דער דאקטאר.

פלאשארדע האט זיך אנגעבויגען איבער דער צייכנונג און איז בלייך געווארען.

דאס איז זי. — האט ער זיך א געריזטער אנגערופען.

— יא, געוויס, דאס איז א בילד פון דעם ליעבען און טייערען וועזען, וועגען וועלכען, פארבארגען פון אלעמען, איך טראכט איצט פיל מעהר ווי אמאל. אבער ווער האט געצייכענט דאס דאזיגע בילד, דאקטאר? דאס איז דאך א קאפיע פון דעם מע־דאליאָן, וואס איך האב אייך אוועקגעגעבען פאר דיאנא'ן. אבער דא איז עס אומפארגלייכבאר בעסער איבערגעגעבען און דורכ־געפיהלט. דער פארטרעט איז מעהר עדעל און מעהר עהנליך. ער איז צו באוואונדערען. פון אלע מיינע שילער, וואלט קיינער ניט געווען אימשטאנד עס צו טאָן. זאגט, ווער האט עס געצייכענט.

— דאס האט... דאס האט... — האט דער דאקטאר אפ־

זיכטליך געצייגען די ווערטער, — דאָס האָט געטאָן מיין קליינע שילערין!

פלאָשאַרדע האָט אַ קוק געטאָן אויף דער טאָכטער, וועל־כע איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, אום מען זאָל ניט זעהן, ווי זי איז אויפגערעגט, און מיט פרעגענדיגע בליקען אַ קוק געטאָן אויפ׳ן דאָקטאָר: ער האָט פאַרשטאַנען ווער ס׳האָט עס געציי־כענט און אַ פאַרוואונדערטער נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף דער צייכנונג, אפשר וועט ער קענען עפּעס אין איהר קריטיקירען. ער האָט ניט געהאַט צו וואָס צו טשעפּען זיך, ווייל ער איז געווען אין אַזאַ גייסטיגען צושטאַנד, ווען מען קען זיך שוין צופיל ניט פאַרלאָזען אויף זיך און ווען מען מוז זיך מודה זיין, אַז מען קען אַ טעות האָבען אפילו אין די וויכטיגסטע אַנגעלע־גענהייטען.

דיאַנאַ האָט ניט געוואַגט זיך אומצודרעהען: זי האָט מורא געהאַט, אַז דאָס אַלץ פּאַסירט אין חלום. אום צו פאַרבאַרגען איהר אויפרעגונג, האָט זי אַרויסגעשטעקט איהר קאָפּ פון פענס־טער ניט אַכטענדיג אויף דער זון, וואָס האָט אַזוי שטאַרק גע־ברענט איהר קאָפּ און דורכגעשטאָכען איהרע אויגען, ווי מיט גליהענדע נאָדלען. פאַרבלענדט פון דער זון, האָט זי דערזעהן אַ פּראַכטפולע, גרויסע, ווייסע פיגור אין אַ גרינעם קלייד, וואָס האָט געלויכטען ווי שמאַראַגד. דאָס איז געווען די מוזע פון איהרע חלומות, איהר גוטע נימפה, די דאַמע אין שלייער: זי האָט שוין מעהר ניט געהאַט אויף זיך קיין שלייער, דער שלייער האָט געוועהט אַרום איהר קאָפּ ווי אַ גאָלדענער קרוין. איהר פּראַכט־פול פּנים, איז געווען דאָס זעלבע, וואָס דיאַנאַ האָט אויפגע־צייכענט און וועלכעס פלאָשאַרדע האָט איצט באַקוקט מיט באַ־גייסטערונג, וואָס איז געווען דורכגעמישט מיט אַ געוויסער שרעק.

ניט ווילענדיג האָט דיאַנאַ אויסגעצויגען די הענט, צו דער

לויכטענדער, שמייכלענדער פיגור, וועלכע, פארשווינדענדיג, האט צו איהר געזאגט: „דו וועסט מיך נאכאמאל זעהן".

אז איבעראשטע און א גליקליכע, האט דיאנא א מאל גע־טאן אויפ'ן שטול, וואס איז געשטאנען ביים פענסטער, דער־שטיקענדיג אין זיך דעם אויסגעשריי פון פרייד. פלאשארדע און דער דאקטאר האבען זיך אווארף געטאן צו איהר, מיינענ־דיג, אז זי איז געפאלען אין חלשות: אבער זי האט זיי בארו־היגט, פארשווייגענדיג, וואס האט נאר וואס פאסירט און זי האט געפרעגט דעם פאטער, צי ער איז באמת צופרידען מיט איהר ארבייט.

— איך בין ניט נאר צופרידען, — האט ער געענטפערט.

— איך בין אנטציקט. איך האב געהאט א טעות אין דיר, מיין קינד: דו האסט דעם הייליגען פונק אין זיך צוזאמען מיט א פארשטענדניש, וואס אנטפלעקט גאר ניט דיינע יאהרען. זעץ פארט דיין ארבייט, אבער ארבייט זיך ניט איבער, ארבייט, האף, צייטענווייז צווייפעל אין זיך, דאס איז זעהר וויכטיג. אבער איך, איך צווייפעל ניט מעהר אין דיר און בין זעהר גליקליך דערמיט.

זיי האבען זיך ארומגענומען: ביידע האבען זיי געוויינט. דערנאך האט פלאשארדע געבעטען זיין טאכטער, אז זי זאל זיי איבערלאזען, ווייל ער וויל רעדען מיט'ן דאקטאר וועגען זיינע געשעפטען. זי איז אוועק צו זיך אין צימער, וואו זי האט זיך געפונען אליין, ווייל זשאפרעטע איז נאר וואס אוועק פריש־טיקען. דיאנא איז צוגעלאפען צו איהר שרייב־טיש און ארויס־גענומען פון איהם דאס שאכטעל, וועלכען זי האט געהאט ארומ־געוויקעלט מיט א שווארצען זיידענעם בענדעל, אום זי זאל קע־נען ביישטעהן דעם נסיון און ניט עפענען דאס שאכטעל פאר דער צייט. ענדליך האט זי דאס שאכטעל געעפענט און שטע־לענדיג זיך אויף די קני, האט זי א קוש געטאן דעם מעדאליאן,

איידער זי האָט נאָך געהאַט אַ קוק געטאָן אויף איהם: דערנאָך האָט זי פאַרמאַכט די אויגען, אום זי זאָל קענען אין געדאַנק ווידער אַמאָל זעהן דאָס הערליכע געזיכט, וואָס זי האָט גע־דאַרפט באַלד זעהן אין דער ווירקליכקייט. זי האָט עס גאַנץ בולט געזעהן, און גלויבענדיג, אַז איהר מוזע שטימט איין דער־צו, האָט זי אַ קוק געטאָן אויפ'ן מעדאַליאָן. ער איז געווען דאָס זעלבע געזיכט, וואָס זי האָט אויפגעצייכענט: דאָס איז געווען די מוזע, די קאַמיי, איהר חלום, און איז דער זעלבער צייט איז עס געווען איהר מוטער: דאָס איז געווען די ווירק־ליכקייט, וואָס איז ערדרייכט געוואָרען דורך דיכטונג, דורך אַ אמת'ן געפיהל און דורך פאַרשטעלונגס קראַפט.

דיאַנאַ האָט זיך ניט געפרעגט ווי אַזוי דער דאַזיגער וואונ־דער איז מיט איהר געשעהן. זי האָט אויפגענומען דאָס געשעע־הענע פשוט, פונקט אַזוי ווי עס האָט פּאַסירט און זי האָט ניט געפּרואווט טראַכטען וועגען דעם, ווי אין דער צוקונפט וועט דער שכל עס וועלען פאַרשטעהן, באַנעמען. מיר דאַכט זיך, אַז זי האָט גאַנץ ריכטיג געהאַנדעלט. אין דער יוגענד איז פיל בעסער צו גלויבען, אַז די געטליכקייט טיילט צו גנאָד, ווי צו גלויבען אין זיך אַליין.

VIII.

דאָס אומגליק.

איך וועל אייך ניט דערצעהלען, וואס עס האָט פּאַסירט אין די קומענדע צוויי יאָהר טאָג פאר טאָג. דיאַנאַ האָט פארט־געזעצט צו ארבייטען. מיט א צערטליכער געהאָרכזאמקייט פּלעגט זי אָפּט פרעגען ביים פּאַטער אַן עצה. אבער פלאָשארדע האָט ניט פארשטאַנען דאָס, וואָס ער האָט אליין ניט געקענט מאַכען. ניט אָפּגעבענדיג זיך א רעכנונג, האָט דיאַנאַ אנגענומען א ריכטונג, וואס איז געווען אין גאַנצען אין געגענזאץ צו איהר פּאַטער׳ס ריכטונג. אין דער געגענד, וואו זי האָט געוואוינט, איז געווען פיל איבערבלייבעכץ פון אנטיקער סקולפּטור, וועלכע מען האָט אנגעהויבען ריכטיג אָפּצושעצען, דער פראנצויזישער געשמאַק האָט זיך אויך געהאַלטען אין בייטען. עס זענען פאר־שפּרייט געווארען גראַווירען, וואס האָבען באקענט דאָס פּאָלק מיט די ווערטפאָלע בילדער, וואזען, סטאַטוען, מעבעל און ענלי־כע געגענשטאנדען פון דער אנטיקער וועלט, וואס זענען דאַ־מאָלסט געפונען אין אויסגעגראָבען געווארען און וועלכע האָבען מיט זייער הערליכער איינפאַכקייט אָפּגעשוואַכט דעם געשמאַק צו דעם אויסגעטראַכטען, צו דעם כינעזישען סטיל. וואס איז ביז דאַמאָלסט געווען אין מאָדע. מען האָט זיך גענומען מעהר פאַראינטערעסירען מיט איטאַליען, מען האָט גענומען מעהר ארומצופּאָרען. צוזאַגען, אז עס האָט זיך אומגעקערט די צייט פון רענעסאַנס, וואָלט געווען ניט אין גאַנצען ריכטיג: מען האָט זיך געמיהט צו באַשאַפען עפּעס שעהנערס. כאָטש ניט איז

גאנצען אריגינעלעס. מעבעל איז פארבעריייט געווארען אין א סטיל, וואס איז דאמאלסט אנגערופען געווארען אנטיקער. און וואס מיר רופען איצט אן לודוויג דעם זעכ־צענטענס. די מעבעל איז געווען זעהר שעהן, כאטש ניט פאלקאם ארויסגעבראכט. אבער פאר'ן אויג איז זי געווען פראכטפול. די פרויען האבען אויפגעגעבען זייערע הויכע פריי־זורען און געגומען נאכלעסיג ארומוויקלען ארום קאפ די האר, וועלכע זענען, אבער, נאך אלץ געווען אנגעפודערט. די מענער האבען ביי די זייטען פון פנים אראפגעלאזען צו איין לאק און מיט א פשוט בענדעל צוזאמענגעבונדען זייערע לאנגע האר, וועלכע זיי פלעגען ביז אהער האלטען אין באזונדערע זעקלעך: אנדערע פלעגען די האר פארפלעכטען אין צעפ און באפעסטי־גען זיי מיט א טשערעפאכען־קאם. מיט אזא פריזור האט פלאשארדע געמאלען זיינע פארטרעטען, די אויסשטאטונג אויף זיינע איצטיגע פארטרעטען איז שוין ניט געווען אזוי עלעגאנט, ווי אין די פארטרעטען, וואס האבען איהם פארשאפט אזא גרוי־סען נאמען.

דערפאר וועט זיך קיינער ניט וואונדערען, וואס זיין טאכ־טער, צו וועלכער מען האט זיך גענומען באציהען מיט אויפ־מערקזאמקייט, האט זיך געקליידט נאך באשיידענער פון דער מאדע. פלאשארדע האט זיך פיל ניט אפגעגעבען מיט דער פראגע, ווי אזוי האט דער נייער געשמאק, וואס האט זיך ערשט געהאלטען אין אנטוויקלען, שוין געקענט ארייגלאזען זיינע ווארצלען אין איהר, אין איהר ריכטונג, אין איהר טאלאנט. ער האט אנגעהויבען צו פיהלען אן עקעל צו דעם אלעם. אומער־ווארטעט האט איהם געטראפען די נייע ריכטונג, איהם, וואס האט פון אויבען־אראפ געקוקט אויף דער פארם און די גאנצע מיה אפגעגעבען אויף דעטאלען פון דער אויסשטאטונג. ער האט באמערקט ווי זיין רוהם האלט אין איין פאלען. ער האט

פרובירט צו העכערען זיינע פרייזען, אבער ער האט עס געטאן פונקט אין א צייט, ווען דאס פובליקום האט גאר ניט געהאט בדעה איהם צו צאהלען העכערע פרייזען: און צוזאמען מיט'ן פאלען פון זיינע פרייזען, איז געפאלען דער צאהל פון זיינע באשטעלער. דאס פובליקום האט זיך באקענט און גענומען אפשעצען דעם טאלאנט פון זיין טאכטער. טייל האבען אפילו געוואגט איהם פארצולייגען, אז ער זאל זי נעמען אלס זיינ'ס א געהילף און ווען נויטיג, זי פארבייטען אויף זיך. עס איז פארשטענדליך, אז ער האט ניט מקנא געווען זיין טאכטערס טאלאנט, אבער ער וואלט אין קיינפאל ניט ווען, אז זי זאל אויפגעבען איהרע פרייע פרוכטבארע ארבייטען און זיך אפגעבען צו דער מלאכה פון מאלען, כדי דורך דעם פארדינען געלט, וואס זאל פארגלעטען אלע נארישקייטען וואס לורא האט אפגעטאן.

אין די צווייי יאהר, וועגען וועלכע איך דערצעהל אייך איצט, איז די לאגע פון דעם מאלער געווארען גאנץ ערנסט. ער האט געוואלט אלץ רעטען דורך ענערגישער ארבייט, ער איז געווען גרייט צו ארבייטען, ווי שווער עס זאל זיך ניט מאכען. אבער עס האט פאסירט דאס, וואס ער האט ווינציגער פון אלץ פאראויסגעזעהן: ער איז אלץ אפטער און אפטער געבליבען אהן ארבייט. ניט זייענדיג פעהיג צו פארקלענערען די אויסגאבען, האט לאורא גענומען איהר קליין פארמעגען, וואס זי האט פארמאגט, און אוועק דערמיט צו איהרע עלטערען, וואו זי האט פארבראכט דריי פערטעל יאהר. געקומען צום מאן איז זי בלויז אויף א קורצער צייט און שטאט איהם וויפיל ניט איז ארויסצוהעלפען פון זיין שלעכטער לאגע, האט זי ווייטער געהאלטען אין איין פטר'ן אויף שמאכטעם אויך דאס ביסעל, וואס עס איז איהר פארבליבען. זעהענדיג, אז איהר פאטער איז פארלאזען, פאראומערט און איינזאם, האט דיאנא זיך ווידער אריבערגעקליבען צו איהם און געטיילט איהר פרייע צייט צווישען איהם

און דעם דאקטאר. מען האט אפגעזאגט די גאנצע דינערשאפט און זשאפרעטע האט צוגעגרייט דאס עסן. דיאנא האט איהר צוגעהאלפען, כדי איהר פאטער זאל גארנישט ניט פעהלען. זי האט געבראכט אין ארדנונג דאס הויז און די געשעפטען, גע־צאהלט אין צייט די פראצענטען און דערמיט אויף א לענגערער צייט אפגעשטופט דעם חורבן, וואס האט געדראהט איהר פא־טער. אבער ערן איז געקומען א טאג, ווען די קרעדיטארען האט זיך דערעסען צו ווארטען און זיי האבען אפגעשריבען זיינע הייזער, גערטנער, זיין קליינע פארם, קונסט זאכען און מעבעל.

דאס איז געווען א גרויסער קלאפ פאר פלאשארדע: ער האט עס ניט פארבארגען ניט פון זיין טאכטער און ניט פון זיינע פריינט. ער האט באשלאסען אלץ איבערצולאזען און איז אן אנדער ארט זוכען ניט קיין נייע באשטעלער (אויף דעם פא־דערט זיך יאהרען) נאר א וועלכע ניט איז ארבייט. ער האט גע־פונען ארבייט אין קירכען: ער האט גענומען מאלען מאדאנען, הייליגע און מלכים און אין אנפאנג האט ער געטראכט, אז ער קען זיך שוין אין גאנצען באגעהן אהן מאלען פארטרעטען. א געוויסע צייט האט ער זיך אפילו געפרעהט דערמיט, איהם האט זיך געדאכט, אז מיט דער הילף פון דעם, וואס ער האט אנגע־רופען אמת'ע קונסט, וועט ער אויף דעם פעלד ווערען א גרוי־סער מייסטער. אבער עס האבען זיך אויך געביטען די אנשויאונ־גען ווי מען דארף מאלען מאדאנען און מלאכים: א לאנגע צייט זענען געווען אין מאדע די שמייכלענדיגע, פעטע מאדאנען פון לודוויג דעם פופצעטענם עפאכע. איצט האט זיך באוויזען א פארלאנג זיי צו זעהן מעהר סעריעז און וועניגער עהנליך אויף שעהנע דארפישע אמען: ניט וועניג וויצען זענען ארומגעגאנגען וועגען די גוטמוטיגע מאמעס, וואס פלאשארדע האט אזוי אהן ערפאלג באקראנצט מיט שטראלענדע קרוינען. די אלע וויצען זענען ניט אנגעקומען צו פלאשארדע, ווייל א געוויסע אכטונג

איז נאָד געבליבען צו איהם, אבער זיי האָבען דערגרייכט דיאַ־נאָ'ס אויערען. זי האָט פארשטאַנען, אז דער נייער פּרואוו וועט איהר פאָטער ניט צוריקשטעלען אויף די פיס. איינמאָל איז אז אבענט איז זי אריין צום דאָקטאָר, ווען ער האָט זיך געקליבען לעגען שלאָפען.

— ווייסט איהר, טייערער פריינט, — האָט זי געזאָגט, — אז מיין פאָטער איז פארלאָרען ?

— יאָ, איך ווייס, — האָט געענטפערט דער דאָקטאָר.

— ער איז פאָלשטענדיג פארלאָרען ! ער דארף האָבען צוויי הונדערט טויזענד פראנק און קיינער וויל זיי איהם ניט לייען.

— אבער ווען עמיץ זאָל פאר איהם גוט זאָגען ?

— ווער וועט טאָן אזא נארישקייט ? דאס הייסט פּשוט ארויסוואַרפען צוויי הונדערט טויזענד פראנק. דיין פאָטער וועט זיי קיינמאָל ניט קענען אָפּצאָלען.

— איהר צווייפעלט אין איהם ?

— ניין : אבער זאָל ער נאר ווידער וואָלהאַבענד ווערען, וועט זיין פרוי זיך ווידער צוריק קערען צו איהם און איהם ווידער רואינירען.

— קויפט כאָטש אָב איינעם פון זיינע הייזער כדי צו באַפרידיגען מיט'ן געלט זיינע קרעדיטאָרען : איהר וועט ערלויבען מיר און פּאַפּאַ וואוינען אין דעם הויז, און ווען דער פּאַפּאַ וועט מעהר ניט זיין, וועט איהר אַלץ צוריק באקומען : איך האָב גענוג טאַלאַנט, אום זיך צו קענען דורכשלאָגען : איך באַנוגען זיך מיט אזוי ווייניג, אז דאס קלענסטע ביסעל טאַלאַנט איז גענוג פאר מיר.

— דו פארגעסט זיך, — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, — אז דיין פאָטער איז נאָד קיין פופציג יאָהר ניט אַלט און איך — פינף און זיבעציג. ווען איך זאָל קויפען זיינס א הויז און איהם לאָזען זיך באַנוצען מיט איהם, וועל איך קיינמאָל ניט

קריגען קיין פראַצענט אויף מיין געלט און מיר וועט אויסקומען צו שטאַרבען אין ארעמקייט. ווילסט, אז אזוי זאָל פאסירען?

— ניין! איך וויל עס ניט. איך וועל אייך צאָהלען פאר דער דירה, איך וועל ארבייטען און מיין גוטע נימף וועט מאַכען פאַר מיר נאָך איין נס און איך וועל פאַרדינען געלט! פּריבירט, פריינד מיינער! זאָרגט ניט פאר'ן געלט און ציהט אָב דערמיט דאָס פאַרקויפען פון אונזער פאַרמעגען און איהר וועט זעהן, אז נאָך פריהער, ווי אין צוויי יאָהר אַרום...

— דאָס איז נאָך ניט אזוי זיכער, — האָט געענטפערט דער דאָקטאר. — עס איז דאָ א צווייטער פּלאַן, אבער מען דאַרף איהם זעהר ערענסט באַטראַכטען. איך קען פאַר דיר קויפען דיין פאָטערס שטאָדטישע הויז און אַלע קונסט־ווערק, וואָס געפינען זיך אין דער זומער־וואוינונג. אזוי ארום קען איך דיר געבען א מעגליכקייט, אז דו זאָלסט קענען נאָכקומען זיינע געוואוינהייטען און ער זאָל בלייבען ביי זיין דירה און ביי זיין שטאַנד: איהר וועט פאַרדינגען א טייל פונ'ם הויז, וואָס איז סיי־ווי־סיי צו גרויס פאר אייך, און מיט דעם געלט וועט איהר זיך קענען דורכשלאָגען. אבער זעה, וואָס עס קען פאסירען: לאַורא וועט צוריקקומען צו איהר מאַן און וועט אזוי מאַכען, אז דו וועסט מוזען אנטלויפען. דו וועסט ניט וועלען קעמפען מיט איהר און וועסט צוריקקומען צו מיר, פון וואָס איך וועל זיין זעהר צופרידען: דיין פאָטער וועט ווידער ווערען א קנעכט ביי איהר, עס וועלען זיך ווייטער אנהויבען חובות, ווארים זיי וועלען ניט וועלען לעבען אויף דעם באַשיידענעם איינקונפט, וואָס עס וועט אריינברענגען דאָס פאַרדינגען פון א טייל הויז. דאַמאָלסט וועסטו אוועקגעבען דיין פאַרמעגען, כדי צו רעטען די עהרע פון דיין נאָמען, דיין פאָטער וועט זיין רואינירט, ווי ער איז איצט און דו וועסט זיין רואינירט אויף אייביג, ווארים דער נדן, וואָס איך האָב געוואָלט איינהאַלטען פאַר דיר, וועט

אוועק פאר דיין שטיפמוטערס קליידלעך. דו ווייסט דאך, אז איך וויל צוטיילעז מיין פארמעגען צווישען דיר און מיין נעפע. די חובות פון דיין פאטער באטרעפען כמעט א העלפט פון מיין פארמעגען. איצט איז אזוי ? אויב איך זאל רעטען דיין פאטער, מוז איך אפפערען מיט דיין צוקונפט : דאס איז אזוי אמת, ווי צוויי מאל צוויי איז פיער.

— אפפערט, אפפערט דערמיט ! — האט געענטפערט דיאנא מיט אזא באפעהלענדער שטימע, ווי זי וואלט געווען איינע פון יענע שטאלצע געטינס, וועמעס ריינעם פראפיל און גוטע מאנירען זי האט געהאט — איהר האט מיר קיינמאל ניט געזאגט, וואס איהר ווילט טאן פאר מיר : איצט, ווען איך ווייס עס, בין איך רוהיג : מיין פאטער איז גערעטעט. איהר קענט דאך מיר ניט ראטען אז איך זאל איהם איבערלאזען אין ארעמקייט און פארצווייפלונג אום צו רעטען מיין צוקונפט.

— דאס איז זעהר ריכטיג, — האט געענטפערט דער דאק־טאר, — אבער וואס וועט זיין מיט מיין לעבען, מיט מיין איינ־קונפט, ד.ה. מיט מיין וואוילשטאנד ? עס קומט דאך מיר אויס פון מארגען אן צו פארקלענערען אויף העלפט מיינע אויסגאבען.

— ווען איהר וואלט מיך חתונה געמאכט, וואלט איהר עס דען ניט געטאן ?

— איך האב גערעכענט, אז דו וועסט וואוינען מיט מיר, אז מיר וועלען לעבען צוזאמען : אין אזא פאל זעהען זיך אזוי ניט אן די אויסגאבען און אלס א באלוינונג פרעהסטו זיך מיט'ן פאמיליען גליק : איצט קומט מיר אויס אפצוזאגען זיך פון פי־לעס, כדי לאורא זאל קענען ברייט לעבען...

— די לאגע איז, — האט דיאנא געענטפערט, — אהן צווייפעל ניט זעהר פרעהליך : אבער איך האב שוין וועגען דעם געטראכט און איך האב באשלאסען, אז איך וועל פיהרען דאס ווירטשאפט שטאט איהר און איך בין זיכער, אז אלץ וועט זיין

זעהר גוט. איך וועל אייך צאהלען פראצענט אויף אייער קאַ־פּיטאל, גלויבט מיר, אז איך פארגעטער אייך פונקט אזוי ווי מיין פאטער און איך וויל ניט, אז איהר זאלט מיט דאס ווינציגסטע ליידען פאר דער וואוילטאַט, וואס איהר ווילט מיר טאַן.

— איך וועל זיך איבערלייגען, — האט געענטפערט דער דאקטאר, ארומנעמענדיג זי. — געה און לייג זיך שלאפען. אין יעדען פאל, וואס עס זאל ניט פאסירען, וועל איך העלפען דיין פאטער אויב דו ווילסט עס און אזוי לאנג ווי דו ווילסט עס.

און ווירקליך, צו מארגענס האט דער דאקטאר געקויפט דאס שטאדטישע הויז און די זומער־וואוינונג, וואס זענען באַ־שטימט געוועזען פארקויפט צו ווערען פון פלאשארדע'ס קרעדיטאָ־רען; אבער, געגען דיאנאס ערווארטונגען, האט ער איבערגעלאַ־זען דאס הויז און די זומער־וואוינונג פאר זיך. ער האט גע־וואוסט, וואס ער טוט; ער האט זי ניט געוואלט שטעלען אין א לאגע צו קריגען זיך מיט'ן פאטער. אדער ווערען געקריוודעט פון איהם. ער האט געוואוסט פלאשארדע'ס שוואכקייט צו זיין ווייב און ער האט ניט געוואלט מיטווירקען צו א נייער דער־נעהענטערונג מיט איהר, וואס וואלט געווען א נייער אומגליק פאר'ן קינסטלער. ער האט דאס אפילו ניט געפרואווט פאר־בארגען פון פלאשארדע.

— פריינד מיינער, — האט ער איהם געזאגט, — איך באדויער זעהר, וואס איך האב ניט געהאט קיין מעגליכקייט אייך צו רעטען פון אט דעם אומגליק; איהר האט פארלארען אייער גאנץ פארמעגען, אבער אזוי ווי איך האב עס געקויפט, וועט איהר איצט קענען לעבען רוהיג און אהן חובות. איהר וועט וואוינען ביי אייער טאכטער, ווען איך גיב איבער די הייזער, וואס זענען איצט געווארען מיינע. זי וועט קריגען א געוויסע סומע פונ'ם פארקויף פון דעם טייל מעבעל, וואס איז אייך נויטיג געווען בלויז כדי צו געבען בעלער און פאראנשטאלטען

ספעקטאקלען: אייערעביידענס פארדינסטען וועלען דעקען אייערע אויסגאבען, זי דענקט צו ארבייטען צוזאמען מיט אייך: אזוי ווי זי האט פון טאג צו טאג אלץ מעהר ערפאלג, וועט זי בארעקען ווידער מיט רוהם אייער אטעליע. ניט אהן גרונד איז איהר האפנונג, איך וויים, אז דאס פובליקום האלט פון איהר און ווען זי וואלט געוואלט, וואלט זי שוין געקענט האבען באשטעלונגען און ערפאלג.

פלאשארדע האט באדאנקט דעם דאקטאר, דאך האט ער באמערקט, אז אויב זיין פרוי וואלט געוואלט זיך אומקעהרען צו איהם, וואלט איהם אויסגעקומען אויסצוקלייבען א צווייטע דירה.

— אויב דאס אל פאסירען, — האט געענטפערט פעראן, — וועט אייער פרוי זיך איבערקלייבען אין דער דירה, וואס עס וועט אייך פארלייגען אייער טאכטער, די הויפטאויפזעהערין פון מיין הויז.

— מיין פרוי וועט אויף דעם קיינמאל ניט איינגעהן! זי איז צו שטאלץ: אום צו האבען אן אויסרייד צו לעבען באזונדער פון מיר, וועט זי אנווייזען אויף דעם, וואס איך האב אפילו ניט קיין אייגען הויז, ווארים זי וועט ניט וועלען מיט קיין זאך זיין אפהענגיג פון מיין טאכטער.

— דאס וועט זיין א שלעכטער אויסרייד, ווארים ביי איהר איז נאך אלץ פארבליבען גענוג געלט מיט וואס זי וועט קענען צאהלען דיאנא'ן פאר דער דירה און איהר עסען. דאס וועט, איז א געוויסען זין, זיין איהר טייל צו די אלגעמיינע אויסגאבען, פון וועלכע זי האט זיך גאנץ פריה באפרייט.

פלאשארדע האט דערפיהלט, אז דער דאקטאר איז גערעכט, און אין דער ווירקליכקייט האט זיין פרוי איהם געמאכט אזוי אומגליקליך, אז ער האט זי ניט געקענט באדויערען אפילו. זיין נאכזיכטיגער כאראקטער האט איהם ניט געלאזט באמער־

קען, ווי ערנידעריגענד איז געווען די לאגע אין וועלכער ער האט זיך געפונען. א ראנק זיין עהרליכקייט, זיין רוהיגער נאטור און זיין אפענהערציגען גלויבען, האט ער געהאפט ווידער צוריק־צוקריגען זיינע באשטעלערס, ווען עס וועט נאר באוואוסט ווע־רען, אז זיינע חובות זענען באצאהלט געווארען. און דערמיט אויף ס'ניי געווינען זיין אומאבהענגיגקייט.

IX.

דער צוריקקעהר נאָך פּיקטאָרדיו.

און ווירקליך, פיל פון די פריהערדיגע באשטעלער האבען זיך צוריקגעקעהרט צו פלאשארדע. איז דער פּראָווינץ האָט מען פיינט אז אומבאשטימטע לאגע. דערצו די ערוואַרטונג, אז עמיל געהט רואינירט ווערען, באנקראטירען, רופט ארויס א פּאַניק, יעדער האט מורא, אז ער זאל צוליב וועלכען ניט איז אורזאכע אויך ניט מיטליידען. ווען זיי האבען דערזעהן, אז אלץ איז גיך ליקווידירט געוואָרען און דער עהרליכער קינסטלער, נאָכדעם ווי ער האט זיך באפרייט פון זיין פארמעגען און חובות האט ווידער גענומען ערוואַרטען זיינע מיטבירגער, זענען זיי געקומען, שמייכלענדיג און אויסדריקענדיג איהם אויף א מעהר אדער וועניגער דעליקאטען וועג זייער אכטונג און מיטגעפיהל. האבען זיי ווידער אמאל איהם געגעבען א מעגליכקייט צו ארבייטען ניט ווייט פון איהם האט דיאנא אנטשלאסען און רוהיג געוואָרט ביז מען וועט ברענגען צו איהר די קינדער פון די דאַזיגע הערען און דאמען. זי האָט ערקלערט, אז זי האט אויסגעקליבען די ספּעציאליטעט, כדי ניט צו קאָנקורירען מיט'ן פּאָטער. צו איהר האט מען געבראכט דעם גאנצען יונגען דור פון דער שטאָדט און פון די ארומיגע שלעסער, די האָפנונג פון גאנצע פאמיליעס, דעם שטאָלץ פון מוטערס, א גאנצע רייהע, כמעט אהן אויסנאם, שעהנע פּנים'לעך.

דיאנא האט ארויסגעצייגט אן אויסערגעוועהנליכע זיכער־

הייט און זעלבסטבאוואוסטזיין, אבער דאס איז געווען בלויז א ראַלע, וואס איהר פליכט האָט ארויפגעצוואונגען אויף איהר. אין דער טיפעניש פון איהר הארצען האָט זי געהאַלטען זיך פאר צופיל אומוויסענד, אז זי זאָל זיין אין שטאַנד ריכטיג צו אר־בייטען, זי האָט נאָך אַלץ, ניט קוקענדיג, וואס זי איז שוין געווען אן ערוואקסענע מיידעל, געגרופען צו הילף איהר מוטער און די פראכטפאַלע נימף; די צוויי געשטאַלטען זענען אין איהר פארשטעלונג אויסגעקומען אלס איינע.

א טאָג פריהער, איידער זי האָט זיך געדארפט נעמען צו דער ארבייט, האָט זי אויפגעזוכט באקכוב׳עס קעפעל, וואס זי האָט געפונען אמאָל אין פיקטאַרדיו: פון יענער צייט אָן האָט זי זיך אויסגעלערענט עס מעהר צו שעצען און עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען נאָך שעהנער, איידער פריהער.

— ליעבער באקכוס, — האָט זי געזאָגט צו איהם, — אויך דו האָסט מיר באוויזען, אז די קונסט האָט אין זיך לע־בען. באגייסטערט מיך איצט! לערען מיך אוים דעם גרויסען סוד פון אמת. וואס אין דיר האָט פארקערפערט אן אומבאקאַנ־טער, גרויסער קינסטלער. איך בין צופרידען צו פארבלייבען אומבאַקאַנט, ווי ער, אויב, ווי ער, וועל איך איבערלאָזען עפעס נאָך זיך, וואס זאָל זיין אזוי הערליך, ווי דו ביזט.

דיאַנאַ האָט נאָך ניט געוואגט צו מאָהלען מיט פארבען. נאָר מיט פאַסטעלען, וואס זענען געווען אין יענער צייט אין מאָדע. דעם ערשטען פאָרטרעט האָט זי שוין געמאכט אזוי עהנליך און שעהן, אז מען האָט וועגען איהר גענומען רעדען אין גאנצער געגענד. מען האָט זי באשאָטען מיט באשטעלונגען און אין דער זעלבער צייט האָבען זיך די פריהערדיגע באשטע־לער צוריק געקעהרט צו איהר פאָטער. דעם אדעל און דער בורזשואזי איז אנגענעם געווען צו טרעפען זיך אין זייער אר־בייטס צימער, וואו פאָטער און טאָכטער האָבען געארבייט צו־

זאמען: פרעהליך און שארפזיניג האט ער געגומען פלוידערן. נאך דעם, ווי ער איז געווען לאנגע יאהרען פארזונקען אין א מע־לאנכאליע און אין זארגען. וואס האבען אלעמען אפגעשטויסען פון איהם און זי, ניט צוויפלענדיג אין איהר שעהנהייט, האט געשוויגען און געווען באשיידען און דערמיט ניט ארויסגערופען קיין קנאה צו זיך. זיי האבען דערמאנט לאורא׳ס לייכטזיניגען אויסזעהן, איהרע משוגע׳נע טואלעטען און איהר חוצפה׳דיגען טאן. און זיי האבען ניט באדויערט וואס זיי האבען זיך באפרייט פון איהר. פריהער פלעגט מען דא אהער קומען צו פלוידערן, איצט איז מען אהער געקומען צו פיהרען געשפרעכען. צו שמועסען, דאס איז געווען א סימן פון באן־טאן.

לעבעדיג באשיידען, כאטש ניט זעהר געענגט, איז צום סוף יאהר פלאשארדע און זיין טאכטער געווען אין שטאנד צו באצאהלען דעם דאקטאר פאר דער דירה. ער האט אוועקגע־לייגט דאס געלט אויף דיאנא׳ס נאמען. אין זיין צוואה האט ער איהר פארשריבען זיין גאנץ פארמעגען, אבער ער האט באשלא־סען איהר עס ניט צו זאגען, כדי ניט צו מינדערען פלאשארדע׳ס ווירדע און דיאנא׳ס מוט, ווי אויך כדי צו האלטען לאורא׳ן וואס מעהר פון דער ווייטען.

אבער ניט קוקענדיג אויף דער גאנצער פארזיכטיגקייט, האט זיך לאורא אומגעקעהרט אהיים, ווי נאר זי האט דערהערט אז די חובות זענען אפגעצאהלט און אז די געשעפטען געהן גוט. איהר איז ניט זעהר געפעלען געווארען ביי איהרע עלטערען. ווענעם מיטלען זענען געווען זעהר באשרענקטע און וועלכע זענען געווען זעהר עקאנאמיש. ביי זיי האט זי זיך אומזיסט גע־פוצט: עס איז ניט געווען ווער עס זאל באוואונדערען איהרע רייכע טואלעטען. זי איז צוריקגעקומען און דיאנא האט גע־האלטען פאר איהר פליכט, איהר גוט אויפצונעמען: אבער אין גיכען האט זיך איהר פארוואלט, אז מען זאל זי ארייינפיהרען אין

דער פיינער געזעלשאפט, וואס האט באזוכט די אטעליע פון איהר מאן. איהר אנוועזענהייט האט אלעמען אפגעשטויסען. איהר פלוידערען איז ניט געווען אם פלאץ, מען האט גאנץ ווע־ניג אויפמערקזאמקייט געשאנקען צו איהרע פראכטפאלע קליי־דער און איהר צירונג, וואס זי האט, אייגענטליך געדארפט פארקויפען, כדי מען זאל קענען וואס גיכער באצאהלען די חובות. אלע האבען געפונען, אז זי האט צופיל איז זינען איהרע באק־וועמליכקייטען. אז זי רעדט מיט אז אומפאסיגען לייכטזיניגען טאן צו דיאנא'ן און מען האט איהר געגעבען צו פיהלען, אז זי איז אלעמען דערווידער. זי איז געווען דערפון זעהר געערגערט. זי האט זיך דערווייטערט פון איהר מאנ'ס ארבייטס־צימער און געפרואווט פארבינדען נייע באקאנטשאפט אין דער שטאדט. עס איז, אבער, געווען אומזיסט, זי איז געווען א ליכט, וואס האלט אין פארלאשען ווערען; איהר שעהנהייט האט געהאלטען אין פארשווינדען פון איהר צוזאמען מיט איהר פייערליכקייט. קאלט איז זי אויפגענומען געווארען און גאר ווייניג פון די, וואס זי האט וויזיטירט, האבען איהר צוריק אפגעשטאט וויזיטען.

אום צוריק געווינען צו זיך די אכטונג, וועלכע מען האט אמאל געהאט צו איהר, האט זי זיך געמאכט פאר א פרומער: זי האט אוועקגעווארפען איהרע מאדעל קליידער און אנגענומען דאס געשטאלט און די מאנירען פון אן אמת גלויביגער. אבער אזוי ווי זי איז ניט געווען קיין אינערליך אמת'ר מענש, איז זי געווארען נאך מעהר אומאנגענעם אין איהר נייער ראלע; פריי־הער איז זי געווען לייכטזיניג, עגאאיסטיש, איצט איז זי גע־ווארען שלעכט און אלעמען מקנאה געווען. זי האט וועגען אלעמען שלעכט גערעדט, געטריבען רכילות און געערגערט איהר פאמיליע מיט איהר להכע'ס שטיק, מיט איהר באקלאגען זיך און מיט איהר שטענדיגער אומצופרידענהייט.

דיאנא האט דאס אלץ איבערגעטראגען מיט אן אומערשעפ־

ליכער גוטסקייט און זעהענדיג, אז איהר פאטער פיהלט נאך א געוויסע צוגעבונדענהייט צו דער דאזיגער לייכטזיניגער פרוי, האט זי געטאן אלץ מעגליכעם און אוממעגליכעם צוצובינדען זי צו דער פאמיליע. דאס איינציגע, געגען וואס זי האט זיך גע־געננעשטעלט, איז געווען לאורא'ס פארלאנג, ווידער אמאל אנ־הויבען צו פיהרען דאס הויז, ווי איז אלטע יאהרען. זעהענדיג, אז איהר מאן פארדינט ווידער געלט, האט זי געוואלט אפזאגען די מענשען, וואס האבען באוואוינט א טייל פון הויז: דיאנא האט איז בעצוג צו דעם ארויסגעוויזען אזא שטארקייט פון כא־ראקטער, אז די שטיפמוטער האט זיך גענומען באציהען צו איהר ווי צו א שונא און האט אלעמען, וואס האבען זי נאר געוואלט הערען, דערצעהלט, אז דיאנא איז זעהר א קארגע.

דיאנא האט פיל געליטען פון אט די אלע פארפאלגונגען און ניט איינמאל איז זי שוין געווען גרייט זיך אומצוקערען צום דאקטאר, כדי רוהיג פארזעצען דארט איהר ארבייט; אבער זי האט זיך אפגעהאלטען עם דורכצופיהרען, ווייל זי האט געוואוסט אז איהר פאטער וועט זיין אומגליקליך אהן איהר.

איינמאל האט דיאנא'ן באזוכט א יונגע דאמע, וועלכער דיאנא האט אהן פיל מיה דערקענט, ווייל ווי זי האט גוט גע־דענקט געזיכטער. דאס איז געווען וויקאמטעסע בלאנש דע פיקטארדיו, וואס האט ניט לאנג צוריק געהייראט מיט איינעם פון איהרע שוועסטער־קינדער: זי איז געווען, פונקט ווי פריהער, שעהן און פונקט ווי פריער, ארעם און אומצופרידען מיט איהר לאגע, ווי פריהער שטאלץ מיט איהר נאמען, וואס עס איז איהר. צו איהר גליק, ניט אויסגעקומען איבערצובייטען. זי האט פאר־געשטעלגט איהר יונגען מאן דיאנא'ן. דאס איז געווען א פוסטער יונגערמאן מיט א געוועהנליך נאריש געזיכט. אבער ער איז געווען א פיקטארדיו, און בלאנש האט זיך ניט געקענט פאר־

שטעלעז, אז עמיץ אנדערש וואָלט מעהר ווערט געווען איהר האַנט.

ניט קוקענדיג, וואָס בלאַנש איז געווען זעהר איינגעשפּאַרט, אבער אזוי ווי זי איז ניט געווען קיין נאַר, האָט זי זיך זעהר פריינדליך באַצויגען צו דיאַנאַ׳ן, געלויבט איהר טאַלאַנט און ניט געפּרואווט, ווי אמאָל, צו ערנידעריגען איהר פּראָפעסיאָן. מיט פארגעניגען האָט זיך דיאַנאַ באַגעגענט מיט איהר, איהר נאָמען און פערזאָן האָבען אָפּגעפרישט אין איהר הארצען די זיסטע ערינערונגען פון איהר קינדהייט, כדי זי זאָל וואָס עפּטער קומען צו איהר, האָט איהר דיאַנאַ פאָרגעשלאָגען צו מאָהלען איהר פּאָרטרעט. בלאַנש איז רויט געוואָרען פאַר פרייד, פּונקט ווי דאמאָלסט ווען דיאַנאַ האָט איהר געשאָנקען די בראַשקע. זי האָט געוואוסט, אז זי איז שעהן, און דער געדאַנק, צו זעהן איהר פּנים געמאָלען פון א פּעהיגער האַנט, האָט זי פאַר׳שיכור׳ט פון גליק; אבער זי איז געווען אָרעם און דיאַנאַ האָט פאַר־שטאַנען איהר אומאַנגענעהמער לאַגע.

— איך בעט דאָך אייך אום א געפעליגקייט, — האָט זי איהר געזאָגט. — ארויסצוברענגען א פּאָלקאָם־שעהן געזיכט איז פאַר מיר א פאַרגעניגען, וואָס איך קען ניט פּיהלען אַלע טאָג און אזוי, ווי דאָס איז זעהר שווער, העלפט עס צו אַנטוויקלען מיין טאַלאַנט.

אין אמת׳ן האָט זיך דיאַנאַ׳ן געוואָלט בלויז ווידער אויפ־וועקען די ערינערונגען וועגען פּיקטאַרדיו. בלאַנש האָט ניט פאַרשטאַנען אזא דינעם פּאַרלאַנג; זי האָט גערעכענט, אז דיאַ־נאַ׳ס פאָרשלאָג קומט אין אמת׳ן א דאַנק איהר שעהנהייט און זי האָט זיך ניט געלאָזען לאַנג בעטען; זי האָט געוואָלט בלומרשט זיך אָפּזאָגען, זי האָט געזאָגט, אז איהר לאַגע ערלויבט איהר ניט לאַנג צו פאַרבלייבען אין שטאָדט, אז איהר מאַן וויל, אז זי זאָל וואָס גיכער אהיים קומען און אין דער זעלבער צייט

האט זי מורא געהאט, אז דיאַנאַ קען נאָך אַמאָל אַנעמען פאַר אמת איהרע תרוצים.

— איך וועל בלויז מאַכען א לייכטען עסקיז מיט דריי בליישטיפטען — האט געזאָגט דיאַנאַ, — מיט א ווייסען, שווארצען און מיט איינעם פון בלוט קאָליר. אויב עס זאָל מיר געלינגען, קען עס זיין א גאַנץ שעהנער פּאָרטרעט: איך בעט אייך בלויז אויף איין אין־דער־פריה.

בלאַנש האט איינגעוויליגט צו קומען מאָרגען פריה. זי איז געקומען אין א שעהן הימעל־בלוי קלייד און אין דער בראַשקע.

דיאַנאַ איז געווען גליקליך, זי האט אויפגעמאָלען איינע פון איהרע שענסטע פּאָרטרעטען: די וויקאָמטעסע איז געווען אזוי ענטציקט פון'ם פּאָרטרעט, אז טרערען פון פרייד און דאַנק־באַרקייט זענען ארויסגעטראָטען אויף די שפּיצען פון איהרע לאַנגע שווארצע וויהעס. וואס האבען ארומגעזוימט איהרע בלויע אויגען, זי האט א קוש געטאָן דיאַנאַ'ן און זי געבעטען, אז זי זאָל קומען זי באַזוכען אין איהר שלאָס.

— אין שלאָס פּיקטאַרדיו? — האט מיט פאַרוואונדערונג געפרעגט דיאַנאַ, — איהר האט דאָך מיר געזאָגט, אז איהר וואוינט נאָך ביי אייער פאָטער. האט איהר דען געלאָזען פאַריכ־טען דעם אַלטען שלאָס?

— ניט אין גאַנצען, — האט געענטפערט בלאַנש, — דאס וואָלט געווען אוממעגליך פאַר אונז: אבער מיר האבען רעס־טאַורירט דעם קליינעם פּאַוויליאָן און אין קומענדען מאָנאַט וועלען מיר זיך אהין איבער קלייבען. מיר האבען אויך א צימער פאַר געסט. אויב איהר ווילט מאַכען אַן אָנפאַנג, וועלען מיר זיין דערמיט זעהר צופרידען.

די איינלאַדונג איז געמאַכט געוואָרען אויפריכטיג. בלאַנש האט נאָך צוגעלייגט, אז איהר פאָטער וועט זיין גליקליך זי ווי־דער אַמאָל צו זעהן, ווי אויך דיאַנאַ'ס פאָטער, וועגען וועלכען ער

דערמאַנט שטענדיג מיט פאַרגעניגענע און וועלכע ער רופט שטענדיג אַז ז י י ן פ ר י י נ ט פ ל אַ ש אַ ר ד ע.

דיאַנאַ האָט ליידענשאַפטליך געוואָלט ווידעראַמאָל זעהן דעם שלאָס פּיקטאַרדיו, און זי האָט צוגעזאָגט, אַז זי וועט אַלץ טאָן, אַז זי זאָל קענען נעקסטע מאָנאַט אהין קומען אליין אָדער מיט׳ן פאָטער: ער האָט איהר שוין לאַנג פאַרגעלייגט צו מאַכען אַ קליינע רייזע, כאָטש צו צופאָהרען צו איהר טאַנטע אין קלויס־טער. פּיקטאַרדיו ליגט כמעט אויפ׳ן וועג צו איהר טאַנטע און זי וועט מיט פאַרגעניגען אַנלייגען אַביסעל וועג, כדי צו באַ־זוכען בלאַנש׳ן.

ווען לאָורא איז געוואָר געוואָרען, אַז דיאַנאַ קלייבט זיך אויף אַ געוויסער צייט אַפּצופאָהרען, וואָס עס איז זעהר נויטיג געווען פאַר איהר צוליעב איהר שוואַכען געזונט, איז זי זעהר בייז גע־וואָרען. זי האָט געמוזט מודה זיין, אַז דיאַנאַ פאַרדינט פיל מעהר פון איהר פאָטער, און אַז אַלס אַ קינסטלעריין רעכענט מען זי פאַר באַדייטענדער פון איהר פאָטער און אַז מען האָט זי ליעבער פון איהם. איהר אַפּוועזענהייט האָט זיך שלעכט גע־קענט אָפּרופען אויף די איינקונפטען פון דער פאַמיליע און זי האָט עס אַזוי שאַרף געלאָזט פיהלען דיאַנאַ׳ן, אַז דיאַנאַ האָט פאַרלאָרען דעם געדולד. מען האָט זיך געדונגען מיט איהר וועגען אַ וואָך צי צוויי רוה, מיט איהר, וואָס איז משך פון צוויי יאָהר האָט זי זיך אָפּגעזאָגט פון אַלץ און אומאויפהערליך געאַרבייט, כדי מען זאָל קענען אַרויסקריכען פון דער אָרעמקייט, אין וועל־כער לאָורא האָט אַריינגעשלעפּט.

מען מוז מודה זיין, אַז די לאַגע איז געווען אַ גאַנץ שווערע און, אַז דיאַנאַ האָט געמוזט האָבען אין זיך פיל מוט, ווען זי האָט געקענט זיך אָפּזאָגען פון דעם דאָקטאָרס פאָרשלאַג, צו באַזור־כען איטאַליען אָדער פּאַריז. ליידענשאַפטליך האָט עס דיאַנאַ געוואָלט, אָבער זי האָט זיך ניט געוואָלט מודה זיין אין דעם, כדי ניט צו קומען צו אַ נסיון. זי האָט גערעכענט, אַז אַזאַ רייזע

איז נאך צו פריה און אז איהר פאטער וועט זיך נאך ניט קענען באגעהן איינינע מאנאטען נאכאנאנד אהן איהר.

ווען זי האט אבער דערזעהן, אז אלס א דאנקבארקייט פאר איהר אפפער, ערלויבט מען איהר אפילו ניט צו נעמען א פאר טאג רוה, איז זי שיער ניט אנטוישט געווארען אין איהר אויפ־גאבע און איז שוין גרייט געוועז צו געבען א חוצפה׳דיגען ענט־פער. אבער זי האט זיך איינגעהאלטען און רוהיג געענטפערט, אז זי וועט זיך אין גיכען אומקעהרען, דערנאך האט זי גענומען איינפאקען איהרע זאכען: לאורא האט געהאלטען אין איין שטערען איהר מיט פרעכע באמערקונגען. דער דאקטאר האט זיך געמוזט אריינמישען און באשלאסען, אז דיאנא זאל אויפ׳ן צווייטען טאג אוועקפאהרען מיט זשאפרעטע׳ן. מיט א שמייכעל, האט ער איהר געראטען, אז זי זאל געדענקען אלע איהרע זע־הונגען, אויב איהר וועט אפגליקען ווידער אמאל זיי צו זעהן, כדי זי זאל איהם זיי קענען ווידער אמאל דערצעהלען, ווי זי האט עס געטאן לעצטעס מאל.

צווייטען טאג האט געדארפט נעמען די רייזע צו דער טאנטע, מארסעלען פערען, דעם דאקטאר׳ס נעפע, וואס איז דורך דער צייט געווארען א באריהמטער ארצט, האט באגלייט דיביידע פרויען ביז דער שטאדט, וואו זיי זענען פארבליבען נעכטיגען. פון דארט איז ער אוועקגעפאהרען צו איינעם פון זיינע פריינד. וואס האט געוואוינט ניט ווייט פון דארטען. דיאנא איז געוועזען זעהר צופרידען, וואס זי האט באגעגענט אונזער בראווען בריף־טרעגער ראמאנעש, און צוזאמען מיט זשאפרעטע׳ן האט זי אין א וועגעלע זיך געלאזען נאך פיקטארדיו. דער וועג איז שוין ניט געוועזען אזוי שרעקליך. ווי דאמאלסט און נאך מיטאג זענען זיי צוגעפאהרען צו דער טעראסע פון שלאס.

אריינגעהן האט מען ניט געקענט פון דאנען. דער אריינ־גאנג צום רעסטאווירטען פאוויליאן איז געוועזען אביסעל נידע־

ריגער: דער רעסטאווראַנטער פּאווילי‌אָן איז ניט געווען עפּעס אַנדערש, ווי דיאַנאַ'ס באַדע־צימער. אָבער דיאַנאַ'ן האָט זיך גע־וואָלט אויג־אויף־אויג איצט זעהן די סטאַטוע, וואָס האָט מיט איהר געערדט. דערפאַר האָט זי ראָמאַנעש'ן און זשאַפּרעטע'ן געשיקט פאַראויס און אַליין האָט זי אַריבערגעשפּאַנט איבער דעם ניט לאַנג צוריק אויפגעשטעלטען צאַם און לייכט געגומען שפּאַנען איבער קרומע און צובראָכענע טרעפּען.

עס איז געווען אַרום פיער אוהר נאָכמיטאַג. מיט שיפע שטראַלען האָט די זון גענומען באַלייכטען אַלע געגענשטאַנדען. איידער זי האָט נאָך געהאַט דערזעהן איהר ליעבע סטאַטוע, וואָס איז געווען פאַרשטעלט פון בושען, האָט זי שוין געזעהן אויפ'ן זאַמד איהר שאָטען און איהר האַרץ האָט גענומען קלאַפּען פאַר פרייד. זי איז צוגעלאָפען צו איהר און גענומען זי באַקוקען אַן ערשטוינטע. אין איהר ערינערונג איז די סטאַטוע גע־ווען פון אַ גיגאַנטישען וואוקס, אין אמת'ן, אָבער, האָט זי קוים דערגרייכט אַ נאַטירליכע גרויס. איז זי אין אמת'ן געווען אַזוי שעהן און הערליך, ווי אין דיאַנאַ'ס געדאַנקען? ניין. אָבער זי האָט פאָרט געהאַט אין זיך עלעגאַנץ און גראַציע. דיאַנאַ, ניט וועלענדיג ווערען ענטוישט, האָט איהר צוגעשיקט אַ נאַאיוו ריהרענדען קוש, אויף וועלכען די סטאַטוע האָט מיט גאָרנישט ניט געענטפערט.

די טעראַסע איז געווען פּונקט אַזוי פאַרלאָזען, ווי דאַ־מאָלסט. דיאַנאַ האָט באַמערקט, אַז דאָ שפּאַצירט מען קיינמאָל ניט. שפּעטער איז זי געוואָר געוואָרען, אַז בלאַנש האָט זעהר מורא געהאַט פאַר שלאַנגען און די אומשולדיגעסטע האָט זי אָנ־גענומען פאַר די גיפטיגסטע און אַז קיינמאָל האָט זי ניט שפּאַ־צירט צווישען די רואינען און האָט קיינעם ניט ערלויבט צו שפּאַצירען. דאָך האָט זי געלעבט צווישען די דאָזיגע רואינען, און דיאַנאַ האָט זיך געוואונדערט און געפרעהט אין דער זעלבער

צייט, זעהענדיג, וואס די דאָזיגע איינזאַמקייט און אומאָרדנונג, וואס האָבען זי אַמאָל אַזוי באַצויבערט, זענען געבליבען ווי אַמאָל, און קיין באַלעבאַטישע האַנט האָט זיך צו זיי ניט צוגע־ריהרט, ד.ה. זיי ניט פאַר׳מיאוס׳ט.

זי איז אַנטציקט געוואָרען פון דער דאָזיגער אומאָרדנונג, פון דעם צוזאַמענמיש פון פאַרטריקענטע בוימער מיט פול צווייגיגע בוימער, פון הערליכע ווילדע געוויקסען מיט געוויקסען, וואס זענען אַמאָל פאַרזעהט געוואָרען; זי איז אַנטציקט פון די אַלע מאָך באַדעקטע שטיינער, וואס האָבען צוזאַמענגעשטעלט די נאַטירליכע, ווי אויך די קינסטליכע אויסגעאַרבייטע פעלזען. זי האָט ווידער אַמאָל דערזעהן דעם קלאָרען קליינעם וואַסער שטראָם, וואס האָט אַמאָל געגעהרט די באַסיינען און די קאַס־קאַדען און וועלכער האָט איצט געציטערט צווישען גראָז און שטיינדלעך. זי האָט באַקוקט דעם עלעגאַנטען איז סטיל פון רענעסאַנס געבויטען פּאַסאַד, אויף וועלכען לעבעדיגע עפיי האָט זיך צוזאַמענגעמישט מיט אויסגעקריצטען פון שטיין. זי האָט באַקוקט איינציגע געשיקט אויסגעאַרבייטע פענסטער, אַלץ צוזאַמען האָט נאָך איז זיך געהאַט דעם פרעהליכען, איידעלען אויסזעהן, וואס עס אַנטהאַלטען איז זיך די געביידען פון יענער גלענצענדער עפּאָכע, אַפּילו ווען זיי זענען שוין פאַרוואַנדעלט אין רואינען.

X.

די רעדע פון דער סטאטוע.

דיאנא האט געוואלט אליין געפינען דעם וועג צום פאווי־ליאן; דער וועג איז געווען דורך רואינען און זי האט איהם גלייך געפונען. בלאנש איז ארויסגעלאפען איהר אנטקעגען און ליע־בעסווירדיג זי אויפגענומען; דערנאך האט זי איהר אוועקגע־פיהרט אין דעם באדע־צימער. וואו דיאנא האט פארבראכט די אומפארגעסליכסטע נאכט אין איהר לעבען. אבער, ליידער, איז דא געווען אלץ געענטדערט! פון דעם גרויסען רונדען זאל האבען זיי געמאכט עפעם עהנליכעס אויף א גאסט־צימער, דער באסיין איז פארשוואונדען: פון דער מארמאר פון באסיין האט מען געמאכט דעם קאמין: פון דעם רונדען, מיט גירלאנדען בא־צירטען געוועלב, איז געווארען א פשוט׳ר באלקען פון א העל בלויען קאליר: די נימפען האבען שוין,—ליידער,—ניט געפיהרט מעהר זייער לייכטען, באשיידענעם קאראכאד אויף דער רונדער וואנט; דער זאל איז געווען א פיער עקיג צימער, עס איז געווען באקלעפט מיט טאפעטען פון אראנזש קאליר: פון די אנדערע טיילען פון דעם באדע־צימער זענען געמאכט געווארען קליינע צימערען.

דער הויף איז אויסגערייניגט געווארען פון שמוץ און וויל־דע געוויקסען: ער איז פארוואנדעלט געווארען אין א גארטען. ניט ווייט פון גארטען האבען זיך איז אן אפגעצאמטען הויף, ארומגעדרעהט הינער. אן אלעע מיט נאר וואס פארזעצטע בוי־

מער, האט געפיהרט צו דעם נייעם וועג, אויסמיידענדיג דעם אלטען פארק און די רואינען. די איצטיגע באזיצער פון פיקטאר־דיו, וואס האבען זיך פארקליבען אין א טייל פון זייערע אורעל־טערענס נעסט, האבען געטאן אלץ, וואס זיי האבען נאר געקענט, ניט צו זעהן מעהר דעם שלאס און אפילו איהם ניט פארביי צו געהן.

צוליב ליבענסווירדיגקייט איז דיאנא אנטציקט געווארען מיט דעם, וואס בלאנש האט דערוויזען צו מאכען פון אט די רואינען, אבער אין אמת'ן האט דיאנא געזיפצט און געטראכט, אז זי וואלט געטאן פונקט דאס פארקערטע. בלאנש איז געווען אזוי שטאלץ און צופרידען מיט דעם געטאענעם, אז דיאנא האט זיך אפגעהאלטען פון צו מאכען איהר וועלכע ניט איז באמערקונג. אין גיכען האט מען דערלאנגט מיטאג, עס איז געקומען דער מארקיז און זיין איידעם: דער איידעם, א פארברענטער פון דער זון, האט צוזאמענגערופען זיינע הינט, גערעדט מיט א הייזעריגען קול און נאך יעדער פראזע, וואס ער האט ארויסגערעדט, האט ער זיך הויך צולאכט, נאך איידער עמיץ האט געקענט פארשטעהן, וואס ער האט געזאגט. דער מארקיז איז, ווי שטענדיג, אויך דאס מאל געווען פריינדליך אפענהערציג און אביסעל פארטרוימט. ער האט גענעבען דיאנא'ן די פריינדליכסטע אויפנאמע: ער האט קיין זאך ניט פארגעסען פון איהר ערשטען באזוך. דערנאך האט ער זי גענומען פארוואָרפען מיט פראגען, אויף וועלכע מען האט ניט געקענט געבען קיין ענטפער אויסער, ווען מען זאל איהם געבען ערקלערונגען, וועלכע מען גיט געוועהנליך קינדער: זיין הארריזאנט איז געווען אזוי שמאל, אז ניט וועלענדיג זיך ארויסגעבען פאר אן אפגעשטאנענעם מענשען, האט ער גענומען ריידען וועגען אלעם און דערביי ארויסגעוויזען זיין גאנצע אומוויסענהייט.

בלאנש, וואס איז געווען קליגער און ערפאהרענער, א דאנק

דעם, וואס זי איז געקומען מעהר איז באריהרונג מיט דער אויסערליכער וועלט. האט געליטען פון איהר פאטערס פראסט־קייט און נאך מעהר פון דער זיכערהייט מיט וועלכער איהר מאן האט פאריכט איהר פאטער, ארויסווייזענדיג דערביי נאך א גרעסערע אומוויסענהייט. מיט אן אפענער פאראכטונג האט בלאנש זיי ווידערגעשפראכען. דיאנא האט באדויערט, וואס פיקטארדיו איז שוין ניט מעהר אזוי איינזאם, ווי אמאל, און זי האט זיך אליין געפרעגט, צו וואס האט זי פארביטען די אנגע־נעמע געשפרעכען פון איהר פאטער און די קלוגע רייד פון דאק־טאר אויף דעם דאזיגען באנאלישען טריא?

וועלענדיג זיין אליין, האט דיאנא זיי געזאגט, אז זי איז אביסעל מיד פון דער רייזע און איז אוועק איז דעם ענגען צימער, וואס די באלעבאטים האבען איהם אנגערופען מיט אזא הויכען נאמען: א צימער פאר געסט. דער ריח פון פרישער פארב האט איהר פארשאפט קאפוועהטאג און זי האט געמוזט עפענען דאס פענסטער.

דיאנא האט דערזעהן, אז דאס פענסטער איז ארויסגעגאנ־גען צו דרויסענדיגע שטיגען, וואס זענען געווען פארפעסטיגט צו דער וואנט. זיי זענען פארבליבען פון דער אלטער געביידע. די שטאכעטען זענען נאך ניט געווען ארונטערגענומען און די נאכט איז געווען א שעהנע און א ליכטיגע. דיאנא האט אויף זיך ארויפגעווארפען איהר מאנטעל און ארונטערגעלאזען זיך איז גארטען אריין. זי איז געווען צופרידען, וואס זי איז אליין און קען זיך לאזען, ווי אמאל, וואנדערען דורך דעם פראכטפולען דער טיפעניש פון טאל. דא און דארט האט א הויפען שטיינער גוטע, שעהנע נימף איז דאס מאל ניט געקומען און ניט געגנר־מען זי פאר דער האנט, אום זי צו פיהרען דורך די רואינען. זי האט ניט געקענט שפאצירען אונטער די דאזיגע בויגענגאלע־רען, וואס האבען אומזיסט זיך געמיהט גענענשטעלען געגען

דער מאַסע פון צעבראָכענע שטיקער מאַרמאָר און שטיינער. און יעדע רגע געקענט איינפאַלן, אָבער וועלכע האָבן דערפאַר אויפגעפרישט אין זכרון יענע פאַנטאַסטישע ווילע, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין מיטן פון א מדבר, לויט'ן איטאַליע־נישן געשמאַק, אין די צייטן, ווען דער איטאַליענישער געש־מאַק און די איטאַליענישע קונסט איז געווען העכער פון דער פראַנצויזישער. זי האָט אין איהר פאַנטאַזיע געזעהן די פייער־ליכקייט פון אַט דער פאַרגאַנגענער שעהנהייט, וואָס האָט ניט געקענט ווידער אויפלעבן אונטער דער אַלטער פאָרם. אין דער צייט פון שפּאַציר האָט זי ניט אַנגעטראָפן קיין איין איינציגען גייסט, אָבער זי האָט זיך זעהר דערפרעהט פון די שעהנע עפעק־טען, וואָס זענען אַרויסגעקומען, ווען דער לבנה שיין איז געפאַ־לען אין די רואינען. זי איז אַרויף גאַנץ הויך אויף די שטיי־נערנע פעלזען, וואָס האָבען זיך געהויבען העכער פונ'ם שלאָס, כדי צו זעהן דאָס גרויליך־גרינע דורכשימערען פון טייכעל אין דער טיפעניש פון טאָל. דאָ און דאָרט האָט א הויפען שטיינרע פאַרשטעלט דאָס לויפען פון וואַסער, עס האָט אויסגעזעהן, ווי א שוואַרצע מאַסע צווישען ציטערדיגע דיאַמאַנטען. א טיפע רוה האָט געהערשט אין דער לופט, די צווייגען פון די אַלטע בוימער זענען געווען אַזוי אומבאַוועגליך, ווי די שטיינערנע באַפּוצונ־גען פון דער טעראַסע.

דאָ, אויף דער פרייער נאַטור, וואָס איז געווען ווי פאַר־טיפט אין באַנעמען די אייביגקייט, האָט דיאַנאַ געפיהלט ווי א נויטווענדיגקייט, אונטערציהען א סך הכל פון איהר קורצען לעבען. זי האָט ווידער געזעהן איהר קינדהייט, מאָמענטען פון שאַרפע פאַרלאַנגען נאָך וויסען, איהר קראַנקהייט, איהר שטרע־בונג צום געהיימען, איהרע אַנטוישונגען, איהר באַגייסטערונג, איהרע ליידען, איהר אַרבייטסזאַמקייט, איהרע ערפאָלגען און האָפנונגען. אָבער דאָ האָט זי זיך אָפּגעשטעלט; איהר צוקונפט

איז געווען אומבאשטימט, א סוד, פונקט ווי פילע מאָמענטען פון איהר פארגאנגענהייט. זי האט געפיהלט אז זי האָט ניט גענוג קראַפט אריבער צו שפאַנען דעם באשיידענעם גרענעץ, וואו זי איז געבליבען שטעהן. העלפענדיג איהר פאָטער. זי האט גוט גע־וואוסט, אז איהר פראפעסיאָן, אויסער וואס עס פארזיכערט איהר איהר אומאבהענגיגקייט און פארשאפט איהר כבוד, עפענט אויך אויף פאר איהר ברייטע האָריזאָנטען: אבער ווען זי אמאָל האבען די געלעגענהייט דערצו? ווען זי זיין אין שטאַנד צו רייזען, איבערלעבען, אראָפטרייסלען פון יך דעם איינפלוס פון דער אומגעבונג, פון געוואוינהייטען און טאָג־טעגליכע פליכטען? איהר פאָטער האט ניט געקענט אריבערשפאַנען דעם קרייז, ער איז געבליבען אויף דער זייט, ווייל ער האט נאָכגע־געבען די פארלאנגען פון א פרוי, וואָס האָט אין דער קונסט געשעצט בלויז דאָס געלט, וואס עס קען אריינברענגען.

דיאַנא האט זיך געפיהלט געבונדען, צעבראָכען פון דער זעלבער פרוי, פון וועלכעס הענט עס איז איהר אויסגעקומען יעדער מינוט ארויסצורייסען איהר ווילענלאָזען און אומאנט־שלאָסענעם פאָטער. ניט לאַנג צוריק איז זי שוין גרייט געווען צו צוקוועטשען זי מיט איהר פאראכטונג, אבער זי האט זיך איינגעהאלטען, ווארים, אין געגענזאַץ צו איהר פאָטער, האָט זי זיך געקענט באהערשען. אלע מאָל, ווען זי האט געהאלטען אין ווערען אין כעס, האט זי דערפיהלט א געהיימע קראפט אין זיך, וואס האָט צו איהר געזאָגט: „דו ווייסט דאָך, מען דארף קענען זיך באהערשען!"

ווען זי האט זיך דערמאנט אז די מינוטען פון איהר אינער־ליכען קאַמף, האט זי געטראכט וועגען איהר מוטער, וועלכע האט, אהן צווייפעל, איבערגעלאָזען איהר בירושה די דאָזיגע ווערטפולע מתנה פון קענען איבערטראָגען פילעס, וואס ברענגט אריין אין כעס. מיט איהר גאנצער נשמה האָט זי געטומען רופען

איהר באשיצעריז, אז זי זאָל זיך באזעצעז איז איהר, כדי איהר צו ווייזעז דעם אמת׳ן וועג. פונקט ווי זי האָט אנטפּלעקט פאר איהר איהר געזיכט און דערמיט איהר באוויזעז די אמת׳ע שעהנ־הייט. דארף זי זיך אפּזאגעז פון דעם אלעם, וואס וואָלט ער־הויבעז איהר גייסט, כדי ניט צו פארלאָזען איהר פאטער? דארף זי זיך געגענשטעלעז דער שטימע פון איהר מוזע — פון איהר מוטער, — וועלכע האָט איהר געגומען און איבערגעטראַ־גען אין דער וועלט פון שעהנהייט און אמת, כדי איהר צו וויי־זען וואו אן אמת׳ר קינסטלער דארף זיך ניט אפּשטעלען?

אזוי האָט זי געטראכט, שפּאַצירענדיג און מיט אמאָל האָט זי דערזעהן, אז זי געפינט זיך ביי דער סטאַטוע, וואס האָט ניט געהאט קיין געזיכט, ביי איהר ערשטער וועגווייזעריז. זי האָט אוועקגעלייגט איהרע הענט אויף די קאַלטע פיס פון דער סטאַ־טוע. מיטאמאָל האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אז זי הערט א שטימע, וואס איז ארויסגעגאנגען פון דער סטאַטוע און אין דער זעלבער צייט געקלונגען אין איהר הארצען. די שטימע האָט איהר געזאגט:

„לאז איבער די דאגות וועגען דיין צוקונפט דעם מוטער־ליכען הארץ, וואס וואכט איז דיר און איבער דיר. צוזאמען וועלען מיר זיכער געפינען דעם וועג צום אידעאל. וויכטיג איז, אז מיר זאָלען האבען אין זינען, אז דיין איצטיג לעבען איז בלויז אן עטאפּ וואו אפּרוהענדיג זיך, זעצסטו פארט דיין ארבייט. מיין ניט, אז מען דארף אויסקלייבען צווישען פליכט און עדע־לען עהרגייץ: זיי זענען באשאפען געווארען, אז זיי זאָלען געהן צוזאמען, העלפענדיג איינער דעם צווייטען. מיין אויך ניט, אז דאגות און כעס, וואס דו דערשטיקסט אין זיך זענען שונאים פון טאַלאַנט. ניט זיי ראטען איהם אויס, נאר זיי וועקען איהם אויף. געדענק, אז אין טרערען האסטו געפונען דאס בילד, וואס

דו האסט אזוי לאנג געזוכט, און זיי זיכער, אז ווען דו טראגסט מוטיג איבער דיינע ליידען, וואקסט דיין טאלאנט אהן דיין ווי־סען, צוזאמען מיט איהם וואקסט דיין קראפט. ניט אין רוה ווערט שטארק דער גייסט, ער ווערט מעכטיג דורכ'ן זיג."

דורכגעדרונגען מיט דער דאזיגער אנטפלעקונג, האט זיך דיאנא צוריקגעקערט צו זיך אין צימער אריין, און, לאזענדיג האלב אפען דאס פענסטער, איז זי רוהיג און שטארק איינגע־שלאפען.

אויפ'ן צווייטען טאג איז איהר גאנצעם וועזען געווען דורכ־געדרונגען מיט א ליעבער רוהיגקייט. זי האט געדולדיג אויס־געהערט די נאאיווע רייד פונ'ם גוטען מארקיז, און די גראבע באנאליטעטען פון זיין איידעם. זי האט איהר גוטע שטימונג איבערגעבען אויך צו בלאנש און האט זי מיט זיך מיטגענומען. נאך דעם ווי יענע האט זיך א קורצע צייט אפגעזאגט, צו בא־קוקען די רואינען פונ'ם שלאס.

דער דאקטאר האט זיך ניט באנוגענט מיט'ן אנווייזען זיין ליעבער דיאנא'ן דאס שעהנע אין דער קונסט. ער האט איהר אויך ערקלערט די שעהנהייט, וואס ליגט אין דער נאטור, און אזוי ארום געמאכט אינטערעסאנט איהרע שפאצירונגען. ער האט זי געבעטען מיטברענגען איהם פון דער רייזע א פאר פון די זעלטענע געוויקסען, וואס וואקסען אין יענער געגענד. איי־ניגע אזוינע האט דיאנא געפונען. זארגפעלטיג האט זי זיי צוזא־מענגעקליבען פאר איהר אלטען פריינד, פאר זיך האט זי אנגע־קליבען פראכטפולע, כאטש ניט גאנץ זעלטענע בלומען. קליי־בענדיג די בלומען, האט דיאנא געפונען אן אלטע מטבע, וואס האט געהאט פארלארען פיל פון איהר פארם, זי האט אפגעגעבען די מטבע צו בלאנש'ן, ראטענדיג איהר, אז זי זאל זי פארזיכטיג אפרייניגען ניט צוקראצענדיג דערביי די מטבע.

— איהר קענט עס האלטען פאר זיך, — האט געענטפערט די וויקאמטעסע, — אויב איהר געפינט, אז עס האט וועלכען ניט איז ווערט: איך פארשטעה גארנישט אין די אלע זאכען. איך האב פילע אזוינע מטבעות, וועלכע איך שעץ זעהר ווייניג.

— איהר וועט זיי מיר ווייזען, — האט געענטפערט דיאנא

— איך פארשטעה אין די זאכען אויך ניט פיל: פארט קען איך אונטערשיידען די, וואס האבען א געוויסען אינטערעס און מיט דער הילף פון דאקטאר פעראן, וועלכער איז זעהר א געלע־רנטער מאן... ווער ווייס? אפשר באזיצט איהר א קליינעם עוצר, ניט וויסענדיג דערפון אליין.

— מיט פארגעניגען טייערע דיאנא, וועל איך אייך אוועק־שענקען דעם גאנצען עוצר. די אלע מטבעות זענען פון קופער, פון זעהר דינעם גאלד אדער פון שווארץ געווארענעם זילבער.

— דאס איז זעהר ניט קלוג! אויב צווישען זיי וועט זיך געפינען עפעס ווערטפולעס, וועל איך אייך דערפון לאזען ווי־סען, און איהר וועט קריגען וואס עס וועט אריינברענגען.

זי האט דערזעהן מעדאלען, וואס דער מארקיז האט אמאל צוזאמענגעקליבען און וועלכע ער האט שפעטער פארווארפען אין א ווינקעל פון זיין הויז און וואס מען האט זיי קוים גע־קענט איצט געפינען. דיאנא האט געגלויבט, אז אייניגע פון זיי האבען געהאט א געוויסען ווערט און האט זיי מיטגענומען צו ווייזען זיי מענשען, וואס פארשטעהן דעריין. זי האט ניט געוואלט אפפוצען די, וועלכע זי האט געפונען, מורא האבענדיג, אז זי וועט זי קאלע מאכען און זי האט איהר צוגעגעבען אן אבערגלויבישע באדייטונג, וויל זי האט די מטבע געפונען. זי האט איהר איינגעוויקעלט אין פאפיר און צוזאמען מיט אנ־דערע פארפאקט אין קופערט.

צומארגענס איז דיאנא אוועק אויפ'ן שפיץ בארג צו זעהן

דעם זונען־אויפגאנג. זי איז געווען אליין און געגאנגען ניט ווי־סענדיג דעם וועג. מיטאמאל איז זי אנגעקומען אויף א פעלז. געגען איבער וועלכען עס האט זיך געפונען א באצויבערענדער קליינער וואסערפאל, וואס האט גלאנצענדיג געשטראמט ארונ־טער צווישען בושען ווילדע רויזען און בלומען מיט סאמעטענע בלעטלעך. די זון האט געווארפען שיפע ראזע שטראלען אויף דעם דאזיגען הערליכען בילד, און צום ערשטען מאל איז דיאנא אנטציקט און באגייסטערט געווארען פאר פארבען. אזוי ווי דער בארג איז געווען בלויז באלויכטען פון איין זייט, האט זי גע־קענט באנעמען דאס גאנצע פאר'כישופ'טע לעבען פונ'ם ליכט. וואס איז געווען מעהר אדער ווייניגער צעשפרייט, וואס האט מעהר אדער ווייניגער רעפלעקטירט, וואס איז איבערגעגאנגען הארמאניש פון שארפען שיין צו ווייכקייט, פון פלאמענדע טע־נער צו קאלטע. איהר פאטער האט אפט צו איהר גערעדט וועגען נ י י ט ר א ל ע ט ע נ ע ר.

— פאטער,—האט זי ניט ווילענדיג ארויסגערופען, פונקט, ווי ער וואלט געווען נעבען איהר. — עס זענען ניט פאראן נייטראלע טענער, איך שווער דיר, אז עס איז ניט דא!

זי האט זיך צעלאכט פון איהר אנטציקונג און געווארען באגייסטערט מיט דער אנטפלעקונג, וואס עס האבען איהר געמאכט הימעל און ערד, בלעטער, וואסער, גראז און פעלזען. דער מארגען שטערען, וואס האט פארטריבען די נאכט, די גרא־ציעזע און געהארכזאמע נאכט, וואס געהט אוועק פארהוילען אין איהרע דורכזיכטיגע שלייערען, דורך וועלכע די זון האט געוואלט זיך דורכרייסען. דיאנא האט דערפיהלט, אז זי וועט זיין אין שטאנד צו מאלען מיט פארבען, ניט אויפגעבענדיג צו צייכנען: איהר הארץ האט געציטערט פון האפנונג און פרייד.

אויף צוריקוועגס האט זי זיך ווידעראמאל אפגעשטעלט ביי

דער סטאַטוע און דערמאָנט זיך דאָס, וואָס זי האָט געכטען גע־פיהלט אין איהר נשמה.

אויב דו האָסט דאָס גערעדט מיט מיר, האָט דיאַנאַ ביי זיך געטראַכט, האָסטו מיך נעכטען פיל גוטעס אויסגעלערענט. דו האָסט מיר געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז אַ גוטער באַשלוס איז וויכטיגער פון אַ גוטער רייזע. דו האָסט מיר באַפוילען, אַז איך זאָל שמייכלענדיג באַטרעטען די תפיסה פון פליכט. איך האָב עס דיר צוגעזאָגט, און אַט האָב איך שוין היינט אָפּגעהאַלטען אַ פאַר׳שכור׳נדען זיג אויפ׳ן געביט פון קונסט. איך האָב ערוואָר־בען אַ נייע קענטניש, מיינע אויגען זענען געוואָרען פול מיט ליכט, ווי נאָר דער ווילען האָט באַהערשט מיין באַוואוסטזיין. אַ אַ דאַנק דיר, מאַמע מיינע! נימף מיינע! איך דאַנק דיר, איך באַהערש באמת איצט דעם סוד פון לעבען.

דיאַנאַ האָט פאַרלאָזען פּיקטאַרדיו, כדי צו פאַרווייל׳ען צוויי טעג ביי איהר טאַנטע. קומענדיג אהיים האָט זי זיך ווידער פאַרנומען מיט איהר קונסט, אין דער זעלבער צייט האָט זי פּראָבירט מאָלען מיט פאַרבען, ניט זאָגענדיג קיינעם ווענגען דעם. זי האָט ביי באַקאַנטע געליהען בילדער און צוויי שעה אין טאָג האָט זי זיך פאַרנומען מיט קאָפּירען זיי. זי האָט אויפמערקזאַם נאָכגעפאָלגט איהר פאַטערס פּעטע מאָדאַנען, וועלכע ער פלעגט צייטענווייז מאָלען פאַר קירכען און אויך וועלכען געביט ער איז געווען זעהר געשיקט. זי האָט געזעהן, וואָס ער קען און וואָס ער קען ניט, און זי האָט פיל נוצען געצויגען פאַר זיך פון זיינע מעלות און חסרונות.

אין איין שעהנעם טאָג האָט זי גענומען מאָלען פּאָרטרעטען מיט פאַרבען: זי האָט געמאָלען קינדער און באַשאַפען מלכים. ווען מען האָט באַמערקט, אַז זי מאָלט מיט פאַרבען האָט זיך איהר רוהם ווייט פאַרשפּרייט. לאַורא האָט פאַרשטאַנען, אַז

איהר שטיפטאכטער, ווענען זי האט אזוי פאראכט און וועלכע האט אבער ניט פארלארען צו איהר דעם געדולד, איז געווען א הוהן. וואס האט געלייגט גאלדענע אייער און וועלכע מען דארף אפהיטען. זי האט זיך אונטערגעגעבען, בארוהיגט זיך און גע־מאכט זיך, אז זי האט איהר זעהר ליב, און אזוי ווי איהר הארץ האט ניט געוואוסט פון אמת'ר צערטליכקייט, האט זי גענומען צו איהר ארויסווייזען אויסערליכע אכטונג און אויפמערקזאמ־קייט: זי האט באשלאסען דיאנא'ן מעהר ניט צו שילטען, איהר נאכגעבען יעדען פארלאנג, אפילו נאך לוקסוס, ווייל זי האט געוואוסט, אז דיאנא וואלט מיט פארגעניגען זיך אפגעזאגט פון צו מאכען זיך א נייע קלייד, אום נאר איהר זאל זיין בעסער: זי האט ענדליך אויך באשלאסען ניט צו מאטערען דעם וואוילען פלאשארדע, וואס איז, א דאנק זיין טאכטער געווארען אזוי פארשטענדליך און גליקליך, ווי אין די טעג, ווען זיין ערשטע פרוי האט געלעבט.

איינמאל איז די וויקאמטעסע פיקטארדיו געקומען צו דיא־נא'ן. נאך לאנגע געשפרעכען און קושען האט זי איהר ענדליך געפרעגט, צי עס איהר עפעס געלונגען צו מאכען מיט די מע־דאלען. זי האט זיך מודה געווען, אז דאס איבערבויאונג פון פאוויליאן האט איהר געקאסט פיל מעהר וויפיל זי האט גע־רעכענט, און אז איהר מאן איז אנגעקומען גאנץ שווער צו בא־צאהלען אט די אין אמת'ן קליינע, אבער פאר איהם גאנץ בא־דייטענדע סומע און ער האט געמוזט דאס געלט לייהען.

זי האט צוגעלייגט, אז אויב דיאנא פיהלט נאך אלץ די אריסטאקראטישע ליידענשאפט צו די רואינען פון פיקטארדיו, איז זי גרייט איהר אפצוטרעטען די פעלזיגע טייל פון שלאס פאר א גאנץ געמעסיגען פרייז.

— טייערע וויקאמטעסע, — האט איהר געענטפערט דיא־נא, — אויב איך וועל אמאל זיין אין שטאנד מיר צו ערלויבען

דורכצופיהרען אַט די פאַנטאַזיע. וועל איך וואַרטען ביז איך וועט איז אמת'ן דערעסען זיך דער שלאָס פון אייערע אורעל־טערען: אָבער ווייסט, אז איהר וועט קיינמאָל ניט זיין געגוי־טיגט צו ברענגען אַט דעם אָפּפער. איך האָב ניט פארגעסען איי־ערע אנטיקע מעדאַלען און מטבעות. עס האָט געגומען צייט ביז מען האָט זיי באַטראַכט און אָפּגעשאַצט; איך האָב דערגרייכט מיין ציל און קען אייך מיט פארגעניגען מיטיילען, אַז דריי אדער פיער פון זיי זענען ווערטפולע, אין דעם צאָל געפינט זיך אויך די, וואָס איך האָב געפונען. איך האָב זיך געקליבען אייך שרייבען און באַנאַכריכטען וועגען די פארשידענע פאַר־שלאָגען, וואָס דער דאָקטאָר האָט באַקומען פון אייניגע מוזעען און אנטיקען קלייבער. אזוי ווי איהר זייט דאַ, וואָלט איך ווע־לען, אז איהר אַליין זאָלט זיך באַראַטען מיט דאָקטאָר פעראַן. אָבער ווייסט, אז אויב איהר ווילִגט איין אויף די פאַרשלאָגען וואָס זענען אייך געמאַכט געוואָרען, קענט איהר פאַר זיי קרי־גען צוויי מאָל אזוי פיל געלט, וויפיל אייך איז נויטיג.

א באַגייסטערטע און אנטציקטע האָט זיך בלאַנש געוואָר־פען אויף דיאַנאַ'ס האַלז. זי האָט איהר אנגערופען איהר מלאך. איהר באַשיצעריִן. זי האָט זיך צוזאַמענגערעדט מיט'ן גוטען אַל־טען דאָקטאָר, וואָס האָט אויפ'ן בעסטען אופן דורכגעפיהרט דעם פאַרקויף פון די מעדאַלען; זי האָט גלייך געקראָגען דאָס געלט. א באַגייסטערטע איז זי אוועקגעפאָהרען אהיים, בעטענדיג דיאַנאַ'ן אז זי זאָל איהר קומען באַזוכען.

אבער דיאַנאַ האָט שוין ניט געהאַט מעהר וואָס צו טאָן אין פּיקטאַרדיו. זי האָט דעם שלאָס ניט געוואָלט באַזיצען אין דער ווירקליכקייט, ווייל זי האָט איהם באַזעסען אין איהר זכרון, ווי א טייערע, היילִיגע זעהונג, וואָס פלעגט זיך צו איהר באַווייזען שטענדיג ווען זי האָט עס נאָר פאַרלאַנגט. די נימפ, וואָס האָט זי עמפאַנגען אין שלאָס, האָט איהם פאַרלאָזען, כדי איהר נאָכ־

צופאלגען: די דאזיגע באשיצעריז און וועגווייזעריז איהרע איז איצט געווען מיט איהר שטענדיג און אומעטום, וואו דיאנא איז געפאהרען האט זי איהר באגלייט. זי האט איהר גע־בויט אונצעהליגע שלעסער, הויפען, פול מיט וואונדער, זי האט איהר פארשאפט אלץ, וואס זי האט נאר פארלאנגט, — בערג, וועלדער, טייכען, שטערען, בלומען און פייגעל. אלץ האט גע־זונגען און געפרעהט זיך אין איהר נשמה, אלץ האט געלויכטען פאר איהרע אויגען ווען זי האט געפיהלט אין די שעה'ן נאך איהר ערנסטער ארבייט, אז זי מאכט פארשריטען און, אז זי איז אוועק מיט א טראט ווייטער אין איהר קונסט.

דארף איך דען נאך דערצעהלען וועגען איהר ווייטערדיגען לעבען? איהר שטויסט זיך דאך קינדער, אליין אן, אז זי האט געפיהרט אן עדעל לעבען, וואס איז געווען פול מיט גליק און גוטע טאטען. צו פינף און צוואנציג יאהר האט דיאנא חתונה געהאט פאר'ן דאקטאר'ס נעפע, פאר איהר אדאפטירטען ברוי־דער, וואס איז געווען א מענש מיט פארדינסטען פאר דער ווי־סענשאפט און וועלכער האט שטענדיג געטראכט בלויז וועגען איהר. זי איז געווארען זעהר רייך און איז געווען אין שטאנד אויפצוטאן פיל גוטעס: צווישען אנדערש, האט זי געגרינדעט אן אומזיסטע קונסט־שולע פאר ארעמע יונגע מיידלעך. עס איז פארווירקליכט געווארען איהר אלטער חלום וועגען ארומרייזען: זי האט פיל ארומגערייזט מיט איהר מאן און שטענדיג מיט פארגעניגען זיך אומגעקעהרט אין איהר היימאט, צו איהר אל־טען פריינד, צו איהר פאטער און אפילו צו איהר שטיפמוטער, וועלכער זי האט פיל מוחל געווען און אנגעהויבען צו ליבען: ווארים דער פרינציפ פון גוטע הערצער איז: זיין צוגעבונדען צו דעם, וואס האט געליטען און האלטען זיך מיט דעם, וואס איז ערווארבען געווארען מיט פיל מיה. גרויסע נשמות האבען ליב זיך אויפצואפפערן און דאס איז א גרויס גליק פאר אומכאריי־

טענדרע נשמות. אויף דער וועלט זענען פאראן פון אט די ביידע נשמות, און די לעצטע לעבען, אפנים, אין זכות פון די ערשטע. אבער אין אמת'ן איז עס אזוי: די וואס זענען גוט און זענען מוחל ווייסען פון גרעסערע פריידען, ווייל זיי ווערען געליבט פון די פרייע גייסטער און פון נימפען. וואס אנטלויפען פון זעלבסט־צופרידענע מענשען און באווייזען זיך בלויז צו די, וועמען ס'איז באקאנט די גנאד פון אנטוזיאזם און זעלבסטאויפאפפערונג.

ענדע.